ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# אמונת ישראל

אידיש

**670**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# ספר
# אמונת ישראל

אין דיזען ספר ווערד ערציילט די ווינדערליכע זאכען וואס עס האט זיך פאסיערט ביי דיזע גאונים און צדיקים זי"ע:

א) ביי דעם גאון והקדוש רבינו ר' מאיר מפרימישלאן זי"ע:

ב) ביי דעם גאון הקדוש רבינו ר' חיים מצאנז זי"ע:

ג) ביי דעם גאון וקדוש רבינו ר' ברוך אבד"ק רודניק זצ"ל:

מיר האבען דאס ספר איבער געזעצט אויף ושארגאן כדי יעדער מענטש זאל וויסען דאס גרויסקייט פון דיזע צדיקים:

---

לובלין

שנת תרפ"ו לפ"ק

# אמונת ישראל

## א וואונדערליכע מעשה פון הגאון הקדוש ר' מאיר'ל מפרימישלאן זצ"ל:

איינמאהל איז געקומען צום רבי'ן ר' מאיר'ל איין מענטש פון לעמבערג וואס ער איז ר"ל געוועזן איין איש מסוכן אין ווי ער האט געזעהן אז זיין קרענק ר"ל שטארקט זיך יעדען טאג. האט ער זיך מיישב געוועזן אז ער וועט פאהרין קיין פרימישלאן צום רבי'ן חאטשי ער איז געוועזן איין גרויסע מתנגד נאהר בעוויל ער האט געהערט די מופתים פון רבי'ן מפרימישלאן אין דער מענטש האט נאט דער ציילט זיין פאטער אין דער היים אז ער פאהרט צום רבי'ן בעוויל דער פאטער זאל געוועזן וויסן אז ער פאהרט קיין פרימישלאן וואלט ער איהם ניט געלאזט, אין אזוי ווי דער מענטש איז געקומען קיין פרימישלאן האט איהם איהן געהייסן ביסלעך וויים יעדען טאג בעסער צו ווערין. האט דער מענטש אהיים געשריבען איין בריף צו זיין פאטער אין האט איהם געשריבען אזוי ווי נאהר ער איז געקומען קיין פרימישלאן האט איהם אין געהויבען בעסער צו ווערין. אבער דער פאטער האט זיך גאנץ ווינציג געפריידט מיט די בשורה בעוויל ער האט ניט געגלייבט אז די צדיקים טוהן דאס אללעס מיט קדושה. אין ער האט פון די מאלט טהן גאהר שוין ניט געוואלט וויסען פון זיין זוהן:

אין אזוי ווי דער חולה פון לעמבערג איז געוועזן ביי דעם רבי'ן האט זיך געטראפין וואס איין עגונה איז געקומען צום רבי'ן אין האט געוויינט אין געקלאגט פאר דעם רבי'ן אויף איהר בישער מזל. אזוי ווי זי האט נאהר חתונה געהאט אין עטליכע וואכין נאך איהר חתונה איז איהר מאן אוועק פון איהר אין עס איז שוין פיהל יאהרען אין זי ווייסט ניט פון איהם:

איינמאהל האט זי מיט איהר געשריי דער צערינט דעם רבי'ן האט איהר דער רבי ניט געענטפערט וואס ווילסטו פון מיר גיי

זיך

זיך איהם אויף די וועלט . האט די עגונה גיענטפערט דעם רביין איז דען א שיעור אויף די וועלט איהם צו זוכין איך האב איהם שוין בעגיג געזוכט אין האב איהם ניט געפינען . אין ווי נאך זאל איך איהם זיכען . האט דער רבי איהר גיענטפערט אז זי זאל איהם זיכען אין די גרויסע שטעדט וואס פיהל מענטשין קומען דארט . אין ביי מיר איז דא איין מענטש פון לעמבערג וואס זיין פאטער איז אין לעמבערג איין ראש העיר . בעט דעם מענטש וועט ער דיר געבין איין בריף צו זיין פאטער . אין די עגונה איז תיכף געגאנגין צו דעם מענטש אין זי האט איהם געבעטין אז ער זאל איהר מיט געבין איין . בריף צו זיין פאטער אז ער זאל איהר צו העלפין אפ זוכין איהר מאן . אין אזוי ווי די עגונה איז געקומין קיין לעמבערג אין האט אפ גענעבין דעם בריף צו זיין פאטער איז ער זייער ביין געוואהרען אין האט איהר געזאגט וואס ווילסטו פון מיר האבין צו ווייס איך ווי דיין מאן איז . פערדריי מיר ניט קיין קאפ . אין ווי די עגונה האט דאס דער הערט האט זי זייער אהן געהויבען צו וויינען אין האט געזאגט צו איהם איהר גלייבט ניט אז דער פרימישלאנער רבי איז איין בעל רוח הקודש . אין אויף געווים אז ער האט מיר געזאגט אז איך וועל איהם געפינען אין לעמברג אויף געוויס איז ער אין לעמבערג אין איך וועל פון אייך ניט אפ טרעטין ביז איהר וועט מיר צו זאגין אז איהר וועט די זאך נאך פארשטען :

דער ראש הקהל האט גיזעהן אז ער וועט זיך פון איהר ניט אפ טשעפין . האט ער זי גיפרעגט ווי אזוי איהר מאן הייסט אין אויף פון וואניט ער איז אין האט זיך דאס אלעס אויף געצייכינט אין האט איהר געזאגט אז זי זאל צו איהם קומין אין א פאהר טעג ארום אפשר וועט ער געוואהר ווערין ווי איהר מאן איז . און אין דיזע טעג האט זיך געטראפין וואס דער ראש הקהל האט געברויכט צו זיין ווי די ארעסטאנטין זעגין האט ער גיהערט ווי צוויי ארעסטאנטין יודין דער ציילין איינער דעם צווייטען אויף זייער שלעכטע לאגע אין איינער דער ציילט ווי ער האט איבער געלאזט איין ווייב מיט קינדער אין זיי ווייסין ניט שוין עטליכע יאהר ווי ער איז אהין געקומין . אין דער ווייל האט זיך דער ראש הקהל דער מאנט אין געזאגט צו זיך אפשר איז דער ארעסטאנט דעם ווייביל'ס מאן . האט דער ראש הקהל גיפרעגט דעם ארעסטאנט ווי אזוי ער הייסט אין פון וועלכע

שטאדט

שטאַדט ער איז . האָט איהם דער אַרעסטאַנט דער צײלט ווי אַזוי ער הײסט אין פון וואַניט ער איז אין ווי אַזוי זײן ווײב הײסט אין ווי פיהל קינדער ער האָט אין ווי אַזוי זײ הײסין . האָט דער ראש הקהל תיכף גיגעבין צו וויסין די אשה אין זי האָט איהם דער קענט אין האָט איהר גיגעבין אײן גט אַזוי ווי דער דין איז . אין דעממאָלט האָט ערשט גיזעהן דער ראש הקהל דאָס גרויסקײט פון דעם רבי׳ן ר׳ מאיר׳יל מפרימישלאַן אין איז געוואָהרען פון די חסידים פון רבי׳ן ר׳ מאיר׳יל מפרימישלאַן זײן זכות זאָל אינץ בײ שטײן אַז מיר זאָלין זוכה זײן צו די גאולה שלימה במהרה בימינו אמן :

---

# נאָך אַ װוּנדערלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן הַגָאוֹן הַצַדִיק ר׳ מֵאִיר מִפְּרִימִישְׁלַאן זצ״ל :

איינמאהל ערב שבת קודש פאַרע נאַכט איז דער רבי ר׳ מאיר׳יל אריינגעקומין אין בית המדרש . און אין בית המדרש איז שוין דעממאָלט גיוועזין פיהל יונגע לײט וואָס זײ זענין געקומין צום רבי׳ן אויף שבת קודש . האָט דער רבי ר׳ מאיר׳יל צו געריפין די יונגע לײט אין האָט זײ געזאָגט אַז הײנט בײ נאַכט איז צו מיר געקומין מײן זײדע אין האָט מיך גיפרעגט מאיר׳יל מיט וואָס איז דײן רביסטוויא . האָב איך איהם צוריק גיענטפערט אַז אַזוי ווי די קענסט מיך אַז איך בין אַ בײזער אין איך קען קײן שלעכטץ ניט לײדין אין יעדער מענטש האָט מורא פאַר מיר מיז ער ווערין גוט . אין דער ווײל האָב איך מיך מיישב גיוועזין אַז איך זאָג ניט קײן אמת . בעוויל מײנע יונגע לײט וואָס זײ קומין צו מיר קען איך דאָך יאָה לײדין חאָטשי זײ טוהן אזעלכי אין אַזעלכי עבירות :

און אַזוי ווי דער רבי האָט געזאָגט דיזע ווערטער אין פלוצלינג איז צו געקומין אײן יונגען מאַן צו דעם רבי׳ן אין האָט שטאַרק געווײנט פער דעם רבי׳ן בעוויל ער האָט פערשטאַנין אַז דער רבי מײנט איהם . אין האָט זיך מתודה גיוועזין פער דעם רבי׳ן אין האָט געזאָגט איך האָב געטוהן אַללע עבירות וואָס דער רבי האָט אויס

גירעכינט

גירעכינט אין האט גיבעטין ביי דעם רבין אז ער זאל איהם ארויס געבין א תשובה:

האט דער רבי ר' מאיר'יל געזאגט זעה רבונו של עולם מאיר האט חס ושלום ניט מבייש גיוועזין קיין שום יוד דעם יוד האט קיינער ניט געהייט אז ער זאל זיך מודה זיין אויף זיינע חטאים ער זאל מבויש ווערין נאהר ער אליין האט זיך מודה גיוועזין בעדארפסט די איהם מוחל זיין. נאך דעם האט דער רבי ר' מאיר'יל געזאגט אז ארבי'ן קומט אויס אז ער האט ניט קיין חלק לעולם הבא בעווייל ער איז אללע מאהל מבייש א צווייטין יוד. נאהר השי"ת ווייסט אז איך בין מיך מפקיר פאר א יוד'ס וועגין. זיין זכות זאל אינץ ביי שטיין אז מיר זאלין זוכה זיין תשובה צו טוהן:

## אווינדערליכע מעשה פון הגאון הקדוש ר' מאיר'יל מפרימישלאן זצ"ל:

דער רבי ר' מאיר מפרימישלאן האט שטענדיג געהאט זייער גרויסע ענמת נפש וואס די יודישע טעכטער זענין געבליבען עגונות וואס מען האט ניט געוויסט ווי זייערע מאנין זענין אהין געקומען און ווען עס איז געקומען פאר איהם איין עגונה האט ער זייער פיהל געארבייט אז ער זאל זי מתיר מאכין אז זי זאל מעגין חתונה האבין. און איבער דעם זענין פיהל עגונות צו איהם געקומען:

איינמאהל איז צו איהם געקומען איין עגונה און דער רבי ר' מאיר'יל האט פיהל מיטלייד מיט איהר געהאט און האט איהר ניט גיקענט מתיר זיין בעווייל ער האט ניט גיקענט אויס ווייזין ווי איהר מאן איז. איינמאהל האט פאר איהם די עגונה זייער געוויינט און האט געזאגט וואס וועט זיין מיין סוף איך בין נאך יונג און מיין לעבין איז קיין לעבין ניט. דער רבי ר' מאיר'יל האט אויף איהר זייער רחמנות בעקומען און האט איהר געזאגט פאהר אהיים בשלום און השי"ת וועט דיר צו העלפין אז די זאלסט האבין דיין הילף אויף דעם וועג. די עגונה איז אהיים געפאהרין און אזוי ווי זי איז ארויס געפאהרען

צפֿאהרען קטליכע וויארסט פֿון פרימישלאן און דארט איז גיוועזין איין קרעטשמי איז די עגונה ארײן געגאנגין און די קרעטשמי זיך צביסיל צם רוהען :

און אזוי ווי זי איז גיוועזין אין די קרעטשמי איז ארײן געקומין אין די קרעטשמי איין זעלנער וואס ער האט געריטען אויף איין פערד . און דאס פערד האט ער אהן געבינדען אין דרויסען און ער איז ארײן אין די קרעטשמי און האט זיך אנידער געזעצט לעבען די עגונה . און אזוי ווי ער האט זיך אנידער געזעצט לעבען איהר האט זי זיך פון איהם אפ גערוקט . האט דער זעלנער אויף איהר זייער געלאכט און געזאגט וואס ריקסט די זיך אפ אזוי פון מיר מיר זענין דאך זייער נאהנטע משפחה . און האט איהר אפ גיגעבין פיהל סימנים ביז זי האט איהם דער קענט אז דאס איז איהר מאן . און האט אויף איהם געזאגט פיהל סימנים און די אללע מענטשין וואס זענין דארט גיוועזין האבין גיזעהן אז די אללע סימנים וואס זי האט אויף איהם געזאגט איז אמת . און ער האט אויך מודה גיוועזין אז זי איז זיין ווייב :

און אזוי ווי זיי זענין גיוועזין אין דער קרעטשמי איז אהן געקומין נאך איין זעלנער און האט אויך געריטען אויף איין פערד . און אזוי ווי ער איז צו געקומין צו דער קרעטשמי האט ער צו געבינדען זיין פערד לעבען יענעמ׳ס פערד און איז אויך ארײן געקומין אין דער קרעטשמי . און אזוי ווי די צווייא זעלבער זענין גיוועזין אין דער קרעטשמי האבין זיך די ביידע פערד אהן געהויבען זיך צו שלאגין . און איבער דעם האבין זיך צווישען די זעלנער אהן געהויבין צו קריגין . אזוי ווייט איז דאס קריגין גיוועזין ביז דער צווייטער זעלנער האט דער הרג׳יט דעם ערשטען . און פיהל מענטשין זענין גיוועזין דער ביי . און איבער דעם האט שוין די עגונה גיקענט חתונה האבין . און נאך דעם איז די עגונה געקומין צום רבי׳ן ר׳ מאיר׳יל קיין פרימישלאן האט דער פרימישלאנער געזאגט אז אין אמת . איז שוין איהר מאן לאנג געוועזט געשטארבין . נאהר בצוויל האבין האט איהר ניט גיקענט מתיר מאכין בעוויל עס איז ניט גיוועזין קיין עדות אז איהר מאן איז געשטארבין איבער דעם האט מען געמוזט איהם ארויס ברענגין פון יענע וועלט כדי עס זאל זיין עדות אז ער איז געשטארבין . און האט איהר ארויס גיגעבין איין היתר אז זי קען חתונה האבין . זיין זכות זאל אונז ביי שטיין אז מיר זאלין זוכה זיין

ווי

ווי אינזער בית המקדש וועט אויף געבויט ווערין במהרה בימינו אמן:

# א וואונדערליכע מעשה פון הגאון הקדוש רבינו ר' חיים מצאנז זצ"ל:

איינמאהל איז צו דעם רבי'ן ר' חיים מצאנז זצ"ל געקומען איין דארפסמאן וואס עס איז ביי איהם אויף געהאדעוועט געוואהרען איין יתומה וואס זי האט ניט געהאט קיין פאטער אין קיין מוטער רח"ל. אין אזוי ווי זי איז דער וואקסין געוואהרען אין מען האט איהר גירעדט פיהל שידוכים נאהר דער דארפסמאן האט ניט געהאט קיין געלד מיט איהר איין שדוך צו טוהן. איז דער דארפסמאן געפאהרין קיין צאנז דער ציילין דעם רבי'ן זיינע עגמת נפש ווי ער קען ניט קיין שדוך טוהן מיט דעם מיידיל. אין אזוי ווי ער איז נאהר ארין געקומען צום רבי'ן האט דער רבי איהם געזאגט אז אזוי ווי איך ווייס אז די ווילסט מקיים זיין די מצוה פון הכנסת כלה איבער דעם פאהר אהיים אין איך זאג דיר צו אז השי"ת וועט דיר העלפין אז די זאלסט זי תיכף חתונה מאכין:

אין אזוי ווי דער דארפסמאן איז אהיים געקומען האט גלייך איהם דער גלח געשיקט אין האט איהם גיפרעגט פער וואס מאכסטו ניט חתונה די יתומה האט דער יוד גיענטפערט איך האב ניט קיין געלד. האט דער גלח איהם גילייגין ווי פיהל ער האט געברויכט אויף די חתונה. אין ווען עס איז געקומען דעם טערמין פון אפ צו געבין דעם גלח דאס געלד. איז דער יוד אריבער געגאנגין צום גלח אין האט געזאגט איך האב מיר ביי אייך גילייגין געלד אין היינט איז דער טערמין אין האט זיך געוואלט ביי דעם גלח אפ בעטין האט דער גלח געזאגט איך האב דיר קיין מאהל ניט גילייגען קיין געלד. גיי דיר אהיים בשלום אין האט איהם נאך גיגעבין פיהל מתנות זיין זכות זאל אינז ביי שטיין מיר זאלין זוכה זיין צו די גאולה שלימה:

# אַוְינדערליכע ערצעהלונג פון הגאון הקדוש ר' חיים מצאנז זצ"ל:

איינמאהל האט זיך געטראָפען וואס איינער איז געקומען פער דעם גאון ר' חיים מצאנז אין האט זיך פער איהם מתנצל געוועזין אז ער האט איין טאכטער וואס ער ברויכט זי חתונה צו מאכין אין דער מחותן וויל אפ לאָזין דעם שדוך אז ער וועט ניט חתונה מאכין צו דער בעשטימטער צייט וואס דער מחותן האט איהם געזאגט אין ער פער מאגט ניט קיין פרוטה אויף די חתונה. אין ער האט פער לאנגט פון דעם רבי'ן אז ער זאל איהם געבין א עצה וואס ער זאל טוהן:

דער רבי פון צאנז האט אויף איהם רחמנות בעקומין אין נאך דער צו צו אזוי איין גרויסע מצוה. אין האט געזאגט צו דעם חסיד איך קען דיר גאהר ניט העלפען בעווייל איך האב ניט קיין געלד דיר צו געבען גאהר דאס קען איך דיר טוהן איך וועל דיר געבין איין בריף צו א מענטש וואס ער וואהנט אין וויען אז ער זאל דיר געבין 500 רו"כ אין איך פער האף אז דער מענטש וועט דיר געבין. אין אזוי ווי דו וועסט קומין קיין וויען זאלסטו דיך נאך פרעגין נאך איין מענטש וואס ער הייסט מיט דעם נאמען „משה בן חיים" אין אזוי ווי דו וועסט צו איהם קומין זאלסטו איהם אפ געבין דעם בריף:

דער חסיד האט זיך זייער געווינדערט אויף דעם רבינ'ס רייד, אין האט געזאגט צום רבי'ן ווי אזוי וועל איך געפינען אין אזוי א גרויסע שטאדט ווי וויען איז אזוי א מענטש וואס ער הייסט משה בן חיים. האט איהם דער רבי געענטפערט אז די זאלסט גיין אין א שוהל ארײַן אין זאלסט פרעגען דעם שמש אויב ער ווייסט ווי דער גביר משה בן חיים וואהנט אין די זאלסט בעצאהלין דעם שמש וועט ער דיר ווייזין ווי ער וואהנט:

דער חסיד האט אזוי געטוהן ווי דער רבי האט איהם געזאגט אין ער איז געפאהרען קיין וויען. אין אזוי ווי ער איז געקומען קיין וויען איז ער געגאנגין אין שוהל אין האט צו געזאגט דעם שמש אז ער וועט איהם געבין ה רו"כ פער דעם וועג ער זאל איהם ווייזין ווי דער נגיד ר' משה בן חיים וואהנט. דער שמש האט פער שטאנען וועמין דער חסיד מיינט אין האט ביי איהם גענומען די ה רו"כ אין

אין

איז איהם געגאנגען ווייזען ווי דער נגיד ר' משה בן חיים וואהנט:

אין ווי דער חסיד איז געקומען צו דעם נגיד, האבען איהם די משרתים גיפרעגט וואס ער פערלאנגט. האט ער זיי גיענטפערט אז ער ברויכט עפיס צו רעדין מיט זייער הער זעלבסט. די משרתים האבין גיגעבין צו וויסען זייער הער אז עס איז געקומען איין מענטש וואס ער וויל ניט זאגין וואס ער פער לאנגט נאהר ער וויל מיט איהם זעלבסט רעדין. דער ר' משה האט איהם געהייסין צו זיך ארייןלאזין. און אזוי ווי דער חסיד האט איהם דער זעהן האט ער איהם זופ גיגעבין דעם בריף וואס דער רבי האט איהם געשריבען. און ווי דער עושר ר' משה האט איבער געלייענט דעם בריף האט ער זיך זייער פער וואנדערט און האט געזאגט וואס פערלאנגט עפיס פון מיר דער רב פון צאנז אז איך זאל געבין אזוי איין גרויסע נדבה:

דאהט דער עושר געזאגט צו דעם חסיד איך קען דיר ניט געבין אזוי פיעל געלד איך גיב יעדען מענטש וואס ער קומט צו מיר א שיינע נדבה. נאהר בעוויל איהר האט איין בריף פון צאנזער רב אז איהר ברויכט געלד אויף זייער א גרויסע מצוה ווי דכנסת כלה. וועל איך אייך געבין א גרויסע נדבה נאהר אזוי א גרויסע נדבה ווי דער רבי פערלאנגט קען איך ניט געבין. און האט איהם געוואלט געבין 100 רו"כ נאהר דער חסיד האט בשום אופן ניט געוואלט צו נעמין און האט געזאגט אז ער קען ניט עובר זיין אויף דעם רבי'ס רייד וואס ער האט איהם געזאגט אז ער זאל ניט נעמין ווייניגער קיין פרוטה ווי ער האט איהם געזאגט. דער עושר האט זיך זייער פער וואנדערט אויף דעם חסיד וואס ער וויל ניט נעמין ווייניגער ווי 500 רו"כ. האט דער עושר איהם גיענטפערט איך האב נאהר איין עצה פער אייערט וועגין איך וועל מיך מיישב זיין מיט מיין ווייב. און ווי אזוי זי וועט מיר זאגין אזוי וועל איך טוהן:

דער עושר האט תיכף געהייסין ריפין זיין ווייב און האט איהר דער צייהלט די גאנצע מעשה. און אויך האט ער איהר דער צייהלט אז ער וויל שוין איהם געבין 100 רו"כ און ער וויל ניט נעמין. און עס איז איהם זייער א גרויס וואונדער ווי קומט צו איהם דעם צאנזער רב אז ער זאל איהם שרייבין א בריף און זאל פון איהם פערלאנגין אזוי א גרויסע סומע אויף א נדבה:

האט איהם דאס ווייב געענטפערט וואס ווינדערסט דיך אזוי מיר זעלבסט האבין איהם צו געזאגט אז ווען ער וועט פון איינץ עפיס פער לאנגין וועלין מיר איהם צו ליעב טוהן. אין זיי האט איהם דער מאנט ווען דאס איז געוועזין אין ווי עס האט זיך געטראפין ביז דער עושר האט זיך דער מאנט:

אין די מעשה איז אזוי געוועזין דער עושר מיט זיין ווייב זענין געוועזין אויף פרישע ליפט אין דער שטאדט טעפליץ אין נאך דעם ווי זיי זענין אפ געפאהרין פון טעפליץ זענין זיי געוועזין עטליכע וואכין אין דער שטאדט פעסט. אין ווי זיי זענין געוועזין אין דער שטאדט פעסט האט מען זיי דער ציילט אז עס האט זיך געטראפין מיט 20 יאהר צוריק האט מען געפונען אויף דעם וואסער איין קליין וויגעל א קינד. אין דאס קינד איז דער וואקסין געוואהרען אין ער איז געוועזין זייער א גרויסער חכם. ביז ער איז געוואהרען איין אהן געשעצטער אין איין גרויס גישעפט אין ער האט געפיהרט דאס געשעפט מיט זייער גרויסע חכמה. ביז זיין בעל הבית האט איהם געגעבין זיין טאכטער פער איין ווייב. אין היינט וועט פאהר קומין די חתונה:

אין אין דעם זעלבין טאג וואס עס האט געבראכט צו זיין די חתונה האט זיך געטראפין אז דער צאנזער רב איז געקומין קיין פעסט. אין ווי דער סוחר וואס האט חתונה געמאכט האט דער הערט אז דער צאנזער רב איז געקומין קיין פעסט איז ער צו איהם געגאנגין אין האט איהם געבעטין אויף דער חתונה אין האט איהם מכבד געוועזין מיט מסדר זיין די קידושין:

אין ווי דער מענטשין פון פעסט האבין גיהערט אז דער צאנזער רב וואס איז שוין דעממאלט געוועזין ביי וועלט פער א איש מופת וועט זיין מסדר קידושין זענין אלע מענטשין פון דער שטאדט אין אויך דער עושר פון וויען מיט זיין ווייב וואס זענין דעממאלט געוועזין אין פעסט זענין געקומען זעהן דעם צאנזער רב ווי אזוי ער וועט מסדר קידושין זיין:

אין אזוי ווי דער רב פון צאנז איז געקומין ער זאל מסדר קידושין זיין איז ער געבליבין שטיין אין האט זיך אהן געלעהנט אויף זיין שטעקין אין איז אזוי געשטאנין זייער א לאנגע צייט. אין די אלע מענטשין וואס זענין געוועזין ביי די חופה האבין מורא געהאט איהם

צו

צו פרעגין די אָרזאַכע פֿער וואָס ער איז ניט מסדר די קידושין . נאָהר זיי האָבין גיזעהן אַז דאָס איז עפּיס ניט קיין פּראָסטע זאַך . נאָהר דער נאָך האָט דער רב צו גערופֿין דעם מחותן אין האָט געזאָגט אַז ער קען ניט געבין קיין חופּה וקידושין ביז ער וועט ריידין מיט די כלה'ס מוטער . אין די מוטער איז באַלד צו געקומין צום רב פון צאַנז אין דער רב פון צאַנז האָט זי גיפרעגט צו זי האָט אַמאָהל געהאַט אַ יונגיל . האָט די מוטער פון די כלה געזאָגט צום רבן פון צאַנז אַז זי האָט אַמאָהל געוואָנט זייער אין אַ ווייט לאַנד פון דאַנעט . אין זי האָט געהאַט אין דיזען לאַנד אַ יונגיל אין אויך זענין זיי גיוועזין זייער רייך . נאָהר איינמאָהל האָט זיך געמאַכט וואָס אין דעם לאַנד וואָס זיי האָבין געוואָהנט איז אָהן געקומין זייער איין גרויס גערויסער אין דאָס וואַסער האָט פֿערפלייצט זייער גאַנץ פּערמעגין . אין אויך האָט דאָס וואַסער פֿערפלייצט זייער קינד אין זי האָט דער נאָך גיזעהן ווי אויף דעם וואַסער שווימט איהר קינד טוירט נאָהר זי האָט איהר קינד ניט גיקענט אַרויס נעמין פון דעם וואַסער בעוויל דאָס וואַסער איז גיוועזין זייער גרויס . האָט דער רבי פון צאַנז ניפרעגט די כלה'ס מוטער אויב זי האָט געהאַט איין סימן אין דעם קינד האָט די מוטער געזאָגט אַז ער האָט געהאַט אַ וואָרציל אויף דעם רעכטין פיס . האָט דער רבי פון צאַנז געהייסין אַז מען זאָל זעהן ביי דעם חתן צו ער האָט ניט דעם זעלבען סימן . אין מען האָט תיכף אינטער דער חופּה געזוכט ביי דעם חתן אין מען האָט געפינין אַז דאָס איז דער זעלבער אין די כלה איז זיין שוועסטער :

אוּן ווי די מענטשין פון דער שטאָדט האָבין דער זעהן דאָס גרויסקייט פון דער רבי'ן ר' חיים מצאַנז האָבין זיי איהם געוואָלט געבין פיהל געלד נאָהר דער רבי האָט ניט געוואָלט נעמין . אין אויך דער עושר פון וויען מיט זיין ווייב וואָס זענין דאָרט געוועזין ביי דיזע מעשה האָבין איהם אויך געוואָלט געבין אַ קוויטיל מיט אַ גרויסען פדיון אין ער האָט אויך ניט געוואָלט נעמין . נאָהר דער רבי פון צאַנז האָט צו געזאָגט דעם עושר פון וויען אַז ער וועט ברויכין אַ מאָהל אַ נייטיגע נדבה וועט ער איהם שרייבין אין ער זאָל זעהן אַז אַזוי ווי ער וועט איהם שרייבין זאָל ער דעם מענטש תיכף געבין . אין אויך זאָל ער געבין ווי פיהל ער וועט שרייבין :

און אזוי ווי דער עושר האט זיך דער מאנט האט ער ניט לאנג ניקלערהרט אין האט תיכף גיגעבין דעם חסיד די 500 רו״כ מיט א גרויסע שמחה וואס ער האט זוכה גיוועזין אז דער רב פון צאנז זאל צו איהם שרייבין א בריף. און ווי לאנג דער חסיד איז ביוועזין אין וויען האט ער איהם זייער ערליך געהאלטין. און דער נאך האט ער איהם בעגלייט אין דער חסיד איז געקומין צום רבי׳ן פון צאנז אין האט איהם דער ציילט אללעס וואס עס האט זיך מיט איהם פאסירט. פון דיזע מעשה קען מען זיך ארויס לערנין ווי ווייט דער רב פון צאנז איז גיוועזין א בעל רוח הקודש. זיין זכות זאל אינז ביי שטיין אז מיר זאלין זוכה זיין צו זעהן ווי אליהו הנביא וועט צו אינז קומין און וועט אינז מבשר זיין פון ביאת הגואל במהרה בימינו אמן:

## נאך א ווינדערליכע מעשה פון הגאון רבי ר׳ חיים מצאנז זצ״ל:

לעבען דער שטאדט צאנז האט געוואהנט זייער א ארענטליכע מענטש אין א גרויסע עושר וואס ער האט געהאט איין גיזעלגי פון בראנפין. און דער מענטש האט זיך אויף געפיהרט אז וועלכע מענטש עס איז צו איהם אריין געקומין הינגעריג איז ארויס פון איהם זאט. און אויף האט ער געגעבין זייער גרויסע נדבות:

איינמאהל איז צו איהם געקומין איין ארימאן מיט זייער צו ריסענע מלבושים אין דער בעל הבית פון דער גאזעלגע האט איהם גיגעבין צו עסין אין צו טרינקין. אין נאך דעם עסין האט ער איהם גיגעבין א שיינע נדבה. נאהר דער ארימאן האט די נדבה ניט געוואלט צו נעמין. האט דער בעל הבית גירעכינט אז וואס דער ארימאן וויל ניט צו נעמין די נדבה בעוויל די נדבה גיפעלט איהם ניט בעוויל זי איז פער איהם צו קליין. האט דער בעל הבית ארויס גענימין א שענערע נדבה אין האט איהם געוואלט געבין אבער דער ארימאן האט בשום אופן ניט געוואלט צו נעמין די נדבה אין האט געזאגט אז ער ברויכט ניט קיין נדבה בעוויל ער איז זייער רייך. דער בעל הבית האט זיך זייער פער ווינדערט אויף דעם ארימאנס רייד.

אין דער בעל הבית האט גיפרעגט דעם אָרימאַן אז ער איז רייך אזוי ווי ער זאָגט נאָך וואס גייט ער אין אזעלכע צוריסענע מלבושים אין נאָך וואס ער איז אַזוי נע ונד . האט דער אָרימאַן איהם דער ציילט דאס גאַנצע פּאַסירינג וואס ער האט זיך מיט איהם פּאַסיערט . אין נאָך וואס ער איז אַזוי נע ונד געבער אין אמת׳ען האט ער אגרויס פּערמעגען אין דער היים :

איינמאהל האט זיך ביי איהם געטראָפין וואס מען האט ביי איהם צו גענאַנבים פיהל זילבער אין גאָלד , אין איך האב ניט געוויסט וועהר עס האט עס ביי מיר צו גענאַנבים . און ביי מיר איז דעמאָלט גיוועזין א דינסט א יתומה האב איך זי חושד גיוועזין אז זי האט עס צו גענאַנבים . אין די דינסט האט געזאָגט אַז זי ווייסט פון די גניבה גאָהר ניט . האב איך געמעלדין די פּאָליצייא אין די פּאָליצייא האט גענימין די דינסט אין מען האט זי געשלאָגין אז זי זאָל מודה זיין אַז זי האט די גניבה געטוהן . אָבער די דינסט האט ניט געקוקט אויף די קלעפּ וואס מען האט זי געשלאָגין אין האט ניט געוואָלט מודה זיין אַז זי איז בעגאַנגין די גניבה. אין פון די פיהל קלעפּ וואס זי האט בעקומין פון די פּאָליצייא איז די דינסט געשטאָרבין . און אין עטליכע וואָכין נאָך די דינסט טוידט איז די גניבה געפינען געוואָהרען . אין פון דעמאָלט אָהן האט עס מיך ניט בעלאָזט איינרוהען איך האָב זייער מורא בעקומין איך האב געוויסט אז די דינסט איז איבער מיר געשטאָרבין אין וואס זי האט ניט געהאט קיין שום שילד , האב איך מיך מיישב גיוועזין אז איך וועל פאָהרין צו דעם רבי׳ן ר׳ מאיר מפּרימישלאן אין וואס ער וועט מיר אַרויס געבין א תשובה אזוי זאָל איך טוהן :

אין אויף די צווייטע וואָך בין איך געפאָהרין קיין פּרימישלאן אין האב דעם רבי׳ן פון פּרימישלאן דער ציילט די גאַנצע מעשה . האט מיר דער רבי ר׳ מאיר׳ל מפּרימישלאן געזאָגט אז איך קען מיר אויס קלויבען איינס פון די דריי זאַכין . אודער איך זאָל שטאַרבין אין וועל האָבין אַ חלק אויף די צווייטע וועלט . אודער איך זאָל ווערין שלאָף אין זאָל ברויכין צו ליגין דריי יאָהר אין בעט אין דורך די יסורים וואס וועל האָבין דיזע דריי יאָהר וועלין מיר פער געבין ווערין אַלע מיינע זינד . אודער איך זאָל אויף מיר נעמין גלות דריי יאָהר אין איך האָב ניט געקענט אויף מיר נעמין איינס פון די דריי זאַכין . האָב איך

איך מיך מיישב געוועזן און בין אהיים געפאהרין:

**און** אזוי ווי איך בין אהיים געקומען האב איך אהן געהויבן צו דער שפירען אז דער קאפ טוט מיר וויי. נאהר איך האב מיך דער פון גאהר ניט געמאכט און איך האב פאר קיינים ניט דער ציילט וואס דער רבי פון פרימישלאן האט מיר געזאגט. נאהר דער נאך האב איך אהן געהויבן צו ליידין יסורים אויף אללע מיינע איברים. ביז איך האב שוין ניט געקאנט שטיין אויף די פיס און האב מיך געמוזט לייגין אין בעט. און מען האט געריפין צו מיר א דאקטער און דער דאקטער האט געזאגט אז איך בין זייער מסוכן און עס איז שוין ניט מערהאנדין פאר מיינעט וועגין קיין רפואה האב איך פאר שטאנין אז אויף געוויס האט מיר דער רבי אויס געקליבען דעם טוידט פון די דריי זאכין וואס ער האט מיר געזאגט אהן מיין וויסען:

**האב** איך מיך מיישב געוועזן און האב תיכף א וועק געשריבין צום רבין ר׳ מאיר׳ל מפרימישלאן און אויך האב איך געשיקט א פדיון אז ער זאל פאר מיינעט וועגין מתפלל זיין אז איך זאל געזינד ווערין. און אזוי ווי איך וועל געזינד ווערין וועל איך תיכף צו איהם קומען און וועל אויף מיר נעמין איינס פון די דריי זאכין וואס ער האט מיר געזאגט. דער רבי האט פאר מיינעט וועגין מתפלל געוועזן און איך בין געזינד געווארין און אזוי ווי איך בין געזינד געווארין בין איך תיכף געפאהרין קיין פרימישלאן און האב געזאגט דעם רבין אז צו שטארבין האב איך נאך צייט איך האב שוין פאר זיכט דעם טעם פון שלאף זיין. איבער דעם וויל איך מיר אויס קלויבין אז איך זאל זיין נע ונד פון דער היים:

**האט** מיר דער רבי געזאגט אז יעצט וועל איך זיך אויס לערנין ווי אזוי מען איז נע ונד דאס ערשטע וואס די האסט ביי דיר מלבושים און אויך געלד זאלסטו ביי מיר איבער לאזין. און ווי די וועסט נעכטיגען איין נאכט זאלסט די ניט נעכטיגען די צווייטע נאכט. און אויב די וועסט זיין הינגעריג זאלסטו ניט רעדין קיין שום מענטש קיין עסין אודער קיין נדבה נאהר זאלסט אזוי לאנג וואַרטין ביז די מענטשין וועלין דיר זעלבסט געבין אלס רחמנות. און אויך די גאנצע דריי יאהר וואס די ברויכסט צו ליידין גלות זאלסטו ניט אהיים קומען. און אפשר האסטו מורא אז פין דיין גאנץ פערמעגין וועט ווערין א תל ערלויב איך דיר אז צום סוף פון דעם ערשטען יאהר קענסטו

קומען

קומען לעבין דיין שטארט אין זאלסט שיקין נאך דיין ווייב אז זי זאל דיר ארויס ברענגין דיינע אלע ביכער פון די הכנסה אין הוצאות . אין אויב די וועסט זעהן אז די האסט עפיס געהאט א שאדין אין דעם גאנצין יאהר וואס די ביסט נים געוועזין אין דער היים ערלויבט איך דיר א היים צו גיין . נאהר איך זאג דיר צו אז די וועסט קיין שום שאדין נים האבין . אין אויך די גאנצע דריי יאהר וואס די וועסט ליידין גלות וועט די יעצט וועל גיין פון איין שטאדט צו דער צווייטער טאהרסט די נים פארהאלטין מעהר זאלסט גיין צו פיס . אין צום סוף פון די דריי יאהר זאלסטו די צו מיר קומען אין יעצט ביי מיר אפ גשמין דיינע חפצים וואס די לאזט יעצט ביי מיר איבער . אין איך וועל דיר דער נאך געבין א תיקון וואס די זאלסט דער נאך טוהן ביי דיר אין דער היים צוים די יעסט לעבען . אין איך האב מיך גיזעגינט מים דעם רבין . אין איך האב שוין גלות צוויי יאהר אין איך טוה אלעס אזוי ווי דער רבי האט מיך געהייסין :

אבער צום בעדויערן האב איך יעצט געהערט אז דער רבי פון פרימישלאן איז נפטר געווארן . איך וויים ניט וואס צו טוהן נאר איך האב געהערט אז אין צאנז איז אויך פערהאנדין א גרויסער צדיק . האב איך מיך מיישב געוועזין אז איך וועל גיין קיין צאנז אין ער זאל מיר זאגען וואס איך זאל טוהן . אין איבער דעם קען איך יעצט ביי אייך קיין נדבה נים נעמען בעוויילי איך גיי נים אין גלות נאר איך גיי קיין צאנז :

אין ווי דער בעל הבית פון די געזעלנע האט דער הערט דיזע מעשה איז ער געפאהרען גלייך מים דעם ארימאן קיין צאנז . אין אזוי ווי זיי זענען געקומען קיין צאנז אין האבין נאך נים געהאט דעם רבין דערציילט פון די גאנצע געשיכטע, האט דער רבי פון צאנז צו גערופען דעם ארימאן אין האט איהם געזאגט גיי אהיים נאהר זאלסט אפשרעטין אין פרימישלאן אויף ר' מאירילס קבר אין זאלסט זאגין אויף דעם קבר פון רבין. ר' מאיר'ל מפרימישלאן אז דער רבי פון צאנז האט דיר געזאגט אז עס איז גענוג די צוויי יאהר וואס איך האב געליטען גלות בעוויילי איך האב מקיים געוועזין די צוויי יאהר מיט מסירת נפש . דער ארימאן האט אזוי געטוהן אין איז א היים געפאהרין בשלום . פון דיזע מעשה זעהן מיר אז דער רבי פון צאנז האט געהאט רוח הקודש זיין זכות

זכות זאָל אונז בײַ שטיין און מיר זאָלן זוכה זײַן צו די גאולה שלימה בב״א :

# אין דיזע מעשה װערט ערצײלט דאס גרױסקײט פון הגאון הקדוש ר׳ חיים מצאנז זי״ע :

אין די צייט װען הגאון הקדוש ר׳ חיים מצאנז איז בעװיסט געװארען אויף די װעלט פאר א איש מופת און אין דיזע צייט איז געװעזען א סוחר אין װיען װאס ער האט געפלעגט צו קויפען האלץ אין דעם קײזערליכען װאלד װאס דאס איז געװעזען לעבען דער שטאדט װיען . און ער האט זייער נושא חן געװעזען בײַ די שרים װאס זײַ האבען געהאט צו שאפען איבער דעם װאלד . און װײַל די שרים האבען איהם זײַער ליעב געהאט האבען זײַ איהם פיהל האלץ געגעבען אויף בארג . און דאס איז געװען פער װערט פון דער מלוכה . און דער סוחר האט פיהל געלד פערדיענט און איז געװארען זײַער א גרויסער עושר נאר זײַן הצלחה האט ניט לאנג געדױרט בעװײַל די צװײטע סוחרים האבען זיך און איהם מקנא געװעזען און האבען אויף איהם אפגעגעבען איין מסירה צום קײזער אז ער טוט פיהל פאלשקייטען אין דעם װאלד פון דער מלוכה :

און פלוצלינג איינמאל בײַ נאכט װען דער סוחר איז געלעגען אין געשלאפען און האט גאר ניט געװיסט װאס עס װארט אויף איהם . איז פיהל פאליצײַ ארום גערינגעלט זײַן הויז און זײַ האבען גענומען דעם סוחר און האבען איהם געשמידט מיט קײטען און זײַ האבען גענומען דעם סוחר און האבען אים אריין געזעצט און א פערמאכטע קארעטע און האבין דעם סוחר פערפיערט און איין שװערע טורמע . װאס אפילו קיין לעכט פון דער זוהן האט דארט ניט געקענט ארײַן לייכטען . און דאס װײַב און קינדער האבען ניט געװיסט װי מען פיהרט איהם :

און בעװײַל ער האט געהאט שטענדיג צו טוהן מיט די שרים איז איהם פיהל מאהל אויס געקומען װאס ער האט מחלל שבת געװעזען און האט געשריבען אום שבת :

נאך דעם װאס מען האט דעם סוחר אװעק געפיהרט פון זײַן שטוב איז זײַן װײַב אריבער געגאנגען צו די שרים װאס איהר מאן האט מיט

מיט זיי געהאנדעלט . נאהר צום בעדוערען האבען זיי אויך ניט געוויסט וואס מיט איהר מאן איז פארגעקומען און עס האט געדויערט פיהל צייט א ערך פון פיער חדשים און זי האט ניט געוויסט ווי ער איז אוועק געקומען :

איינמאהל האט דעם סוחר'ס ווייב געהערט פון מענטשען אז אין צאנז איז פערהאנדען איין גרויסער צדיק וואס ער איז א בעל רוח הקודש . האט זי זיך מיישב געוועזען אז זי וועט פאהרען צום דעם רבי'ן אפשר וועט ער איהר זאגען ווי איהר מאן געפינט זיך . און אזוי ווי זי איז געקומען קיין צאנז צום רביין און האט איהם דער ציילט אז זי ווייסט ניט ווי איהר מאן איז אהין געקומען . האט איהר דער רבי גיענטפערט אז זי זאל אהיים פאהרען און פרעגען איהר מאן אז ער נעמט אויף זיך אז ער זאל שוין ניט מחלל שבת זיין וועט ער בעפרייט ווערען . האט דעם סוחר'ס ווייב זייער אהן געהויבען צו וויינען און געזאגט צום רביין ווי אזוי קען איך איהם פרעגען צו ער נעמט אויף זיך ער זאל שוין ניט מחלל שבת זיין איך ווייס דאך ניט ווי ער געפינט זיך ? האט דער רב מצאנז צו איהר געזאגט פאהר אהיים און אויף די באהן וועסטו שוין געוואהר ווערען ווי דיין מאן געפינט זיך :

זיין אזוי ווי זי איז אוועק געפאהרען פון צאנז און אויף דעם וועג איז זי געוועזען זייער פערצאגט און געוויינט . און לעבען איהר איז געזעסען א שר און ווי ער האט געזעהן אז זי זיצט און וויינט האט ער אויף איהר זייער רחמנות בעקומען און האט זי געפרעגט וואס זי וויינט האט זי איהם אללעס דערציילט אז איהר מאן איז געוועזען א גרויסער עושר נאהר איינמאל האט זיך געטראפען וואס פלוצלינג איז פאליציי אים אין מיטען דער נאכט בעפאלען און זיי האבען איהם אוועק געפיהרט אין עס איז שוין פיער חדשים און זי ווייסט ניט ווי איהר מאן איז אוועק געקומען :

דער שר האט אויף איהר רחמנות בעקומין און האט איהר געזאגט אז ער איז דער עלצטער פון די קרימענעלער וואס עס געפינט זיך אין דער הויפט שטאדט פון וויען אין איהר מאן געפינט זיך ביי איהם . האט זי איהם געבעטין אז ער זאל איהר געבין א ערלויבעניש אז זי זאל זיך מיט איהם קענין זעהן אין דער שר האט איהר צו געזאגט אין זי איז מיט איהם צו זאמען געפאהרין קיין וויען אין האט איהר גיגעבין א ערלויבעניש אז זי זאל זיך מיט איהר מאן זעהן :

אונ

און אזוי ווי זי האט דער זעהן איהר מאן האט זי זיך מיט איהם געפריידט זי האט איהם דער ציילט וואס דער צאנזער רב האט איהר געזאגט . און ער האט אויף זיך תיכף גענימען אז ער זאל שוין ניט פון היינט אהן מחלל שבת זיין . און דעם סוחרים ווייב איז תיכף צוריק געפאהרין קיין צאנז און האט דער ציילט דעם רביין אז איהר מאן האט אויף זיך גענימען אז ער זאל ניט מחלל שבת זיין . האט איהר דער רבי גיענטפערט אז זי זאל תיכף אהיים פאהרען און זי וועט שוין טרעפין איהר מאן אין דער היים פריי פון יעדע שטראף . און אזוי ווי זי איז נאהר אהיים געקומין האט זי איהם שוין געטראפין אין דער היים , און פון דעמאלט אהן איז דער סוחר געוואהרין פון צאנזער רבי'ס גרויסע חסידים און איז געוואהרען א אמתי'ע בעל תשובה . זיין זכות זאל אינץ ביי שטיין און מיר זאלין זוכה זיין אפ צו היטען דעם שבת און אין דעם זכות פון שבת וועלין מיר אפ געהיטען ווערין פון אללעם שלעכטין :

## א ווינדערליכע מעשה פון הגאון הקדוש ר' מאיר'ל מפרימישלאן זצ"ל :

און דער צייט וואס דער גאון הרבי ר' חיים מצאנז איז נאך גיוועזין איין קינד איז דעם רבינ'ס ר' חיים מצאנז פאטער געפאהרין קיין פרימישלאן צום רביין ר' מאיר'ל ז"ל און האט מיט גענימען זיין זוהן דעם רביין מצאנז און אזוי ווי זיי זענין געקומין לעבען פרימישלאן האט דער רבי ר' מאיר'ל דער שפירט אז עס פאהרט צו איהם דער רבי פון צאנז האט דער רבי ר' מאיר'ל זצ"ל געשיקט זיין משמש ער זאל זיך נאך פרעגין אין די גאסט הייזער צו עס איז ניט געקומין וועלכער רב . דער משמש איז צוריק געקומין און געזאגט דעם רביין ר' מאיר'ל אז עס איז ניט געקומין קיין שום מענטש , און אין עטליכע שעה ארום האט ווייטער דער רבי ר' מאיר'ל מפרימישלאן געשיקט זיין משמש געוואהר צו ווערין צו עס איז שוין געקומין וועלכער מענטש און אין דיעזע צייט וואס דער משמש איז געקומין דאס צווייטע מאהל איז שוין געהאט געקומין ר' חיים מצאנז מיט זיין פאטער האט דער

משמש

משמש גיפרעגט ר׳ חיים מצאנז וואס ער איז דאך גיוועזין זייער יונג צו ער איז איין רב אין וועלכער שטאדט. האט רבי ר׳ חיים מצאנז גיפרעגט דעם משמש וואס איז איהם פער א נפקא מינה וואס ער איז צו איין רב צו ניט. האט דער משמש גיענטפערט אז דער רבי ר׳ מאיר׳ל האט איהם שוין געשיקט דאס צווייטע מאהל געוואהר צו ווערין צו עס איז ניט געקומין קיין רב. אין אויך האט דער משמש דער ציילט ווי וויים דער רבי קוקט אויס איין רב נאהר ער ווייסט ניט וועלכען רב. האט דער רבי ר׳ חיים מצאנז זיך אהן גערופען צום משמש אז איהם מיינט מען אין ער איז דער רב. אין תיכף איז רבי חיים מצאנז געגאנגין צום רבין ר׳ מאיר׳ל מפרימישלאן אין האט איהם מקבל גיוועזין מיט גרויס שמחה. אין זיי זענין אזוי צו זאמין גיוועזין עטליכע שעה:

נאך דעם ווי דער רבי ר׳ חיים מצאנז האט שוין געוואלט אוועק גיין פון רבין ר׳ מאיר׳ל מפרימישלאן. האט זיך ר׳ מאיר׳ל אהן גערופין צו רבין ר׳ חיים. איהר זענט דאך פון בית דין הגדול, איבער דעם זאגט מיר צו ר׳ מאיר׳ל ברויכט צו וואהנען אין אזעלכע קליינע דירות צו איז דען ניט גלייכער אז ר׳ מאיר׳ל זאל וואהנען אין גרעסערע דירות און אין לעכטיגערע דירות ווי ער וואהנט:

דער רבי ר׳ חיים מצאנז האט ניט פערשטאנין וואס דער רבי ר׳ מאיר׳ל מיינט דער מיט. האט דער רבי ר׳ חיים מצאנז גיענטפערט אז אויף געוויס וואלט גלייכער גיוועזין אז איהר זאלט וואהנען אין שענערע דירות. האט דער רבי ר׳ מאיר׳ל זיך אהן גערופין אז איהר זאגט אויף אזוי וועל איך אויך געוויס אזוי טוהן איך האב נאהר געוואלט איירע הסכמה אין יעצט אז איהר זענט מסכים וועל איך אזוי טוהן. אין דער וויל האט זיך דער רבי חיים מצאנז איבער גירעכינט וואס דער רבי ר׳ מאיר׳ל מיינט דער מיט האט זיך רבי חיים מצאנז אהן גערופין אין געזאגט צום רבי׳ן ר׳ מאיר׳ל אז איך מיין נאהר אויף דיעזע וועלט וואלט גלייך גיוועזין אז איהר זאלט האבין שענערע דירות. האט ר׳ מאיר׳ל געזאגט עס איז יעצט שוין פערפאלין אין אויך האב שוין ביי מיר אזוי אפ געפסק׳נט. איך האב נאהר געוואלט אייערס הסכמה. אין איהר האט מיר גיגעבין אייער הסכמה, און אין זעהר וואכין ארום איז דער רבי ר׳ מאיר׳ל מפרימישלאן נפטר געווארען זי״ע ועל כל ישראל:

## אַ גוּטֶע עֵצָה פוּן הַגָאוֹן הַקָדוֹשׁ ר׳ חַיִים מִצַאנְז זצ״ל.

איינמאהל ווען דער רבי האט אהנגעהויבן בעשטעמט צו ווערען אויף דער וועלט איז צו איהם געקומען א חסיד און האט פאר איהם זייער געוויינט און געזאגט אזוי ווי איך וואהן שוין מיט מיין ווייב 23 יאהר און מיר האבען ניט קיין קינדער איבער דעם וואלט ער געבעטען דעם רבין אז ער זאל פאר איהם מתפלל זיין ער זאל האבען קינדער צום לעבען. האט דער רבי געזאגט צו דעם חסיד איך וועל דיר געבען א עצה און איך פער האף אז די וועסט מיך הורכען וועסטו האבען קינדער צום לעבען. אזוי ווי איך ווייס אז ביי אייך אין דער היים איז ניט דא קיין עירובין. אין דאך דעם וואס עס איז ניט דא קיין עירובין איז דא גרויסע חלול שבת. איבער דעם וואלט געוועזען מיין עצה אז די זאלסט מאכען עירובין וועט מען מעגען טראגען. און איבער דעם וועט דיין ווייב אויך טראגען. דער חסיד האט אזוי געטוהן און איז געהאלפען געווארען מיט קינדער צום לעבען. און אויך פיהל מענטשען וואס האבען געהערט ווי דער רבי האט געגעבען דיזע עצה צו דעם חסיד האבין זיי דעם חסיד אויך מיט געהאלפען צו מאכען די עירובין און זיי זענען אלע געהאלפען געווארען מיט קינדער צו לעבען פון דיזע עצה זעהן מיר ווי ווייט אונזערע צדיקים זענען קלוג געוועזען און ווי ווייט זיי האבען מדקדק געוועזען און זייערע רייד אז אפילו זייערע עצה׳ס זענען מקוים געווארען זייער זכות זאל אונז בייטשטיין אויף אייביג:

## נָאךְ אַ ווּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה פוּן הַגָאוֹן ר׳ חַיִים מִצַאנְז זצ״ל.

איינמאהל איז געקומען צו דעם רבין הגאון ר׳ חיים זצ״ל איין אשה און זי האט שטארק געוויינט פאר דעם רבין אזוי ווי איהר מאן איז פון איהר אוועק שוין פיהל יאהרען און זי האט עטליכע קינדער און זי איז זייער ארים און קען ניט מפרנס זיין די קינדער

קינדער און זי איז שוין ארום געפאהרען און פיהל שטעדט זיכען איהר מאן און זי וויסט ניט פון איהם ווי ער איז אהין געקומען. האט איהר דער רבי ר׳ חיים זצ״ל געגעבען א עצה אז זי זאל פאהרען קיין קיוב און אזוי ווי זי וועט קומען קיין קיוב זאל זי תיכף ארויף אויף די ערשטע שיף וואס עס שטייט ביי דעם האפען און זי זאל אזוי לאנג זיצען אויף די שיף ביז זי וועט דערזעהן איהר מאן:

די אשה האט אזוי געטוהן און איז געפאהרען תיכף קיין קיוב. און אזוי ווי זי איז ארויף אויף די שיף האט זי זיך איבער געערגבינט אויף איהר ביטערע לאגע און האט אהנגעהויבען שטארק צו וויינען. די אלע יודין וואס זענען דארט געוועזען האבען אויף איהר רחמנות בעקומען און האבען זי געפרעגט וואס זי וויינט. דאס ווייבעל האט זיי אלעס דערציילט. און אזוי ווי זי האט דערציילט די מענטשען וואס זענען געוועזען אויף דער שיף איהר גאנצע היסטאריע. און זיי זענען געשטאנען לעבען איהר איז ארויין געקומען אויף דער שיף איין קאצאפ און האט זיך אויך אנידער געשטעלט צו הערען וואס דאס ווייבעל דער ציילט. און ווי דאס ווייבעל האט דערזעהן דעם קאצאפ איז זי אנידער געפאלען חלשות. און מיט גרויס מוה האט מען זי דערמינטערט. און זי האט געזאגט אויף דעם קאצאפ אז דאס איז איהר מאן. די אלע מענטשין וואס זענען דארט געוועזען אויף דער שיף האבען אהנגעהויבען צו ריידען מיט דעם קאצאפ מיט גוטען און מיט בייזען אז ער זאל מודה זיין אז ער איז איהר מאן אבער צום בעדויערען האט זיך געהאלטען דער קאצאפ ביי זיינס אז ער וויסט פון דעם גאהר ניט. און ער איז א געבוירענער קריסט:

און ווי די יודין האבין גיזעהן אז זייערע רייד וועט גאהר ניט העלפין האבין זיי זיך מיישב גיוועזין און האבין צו געריפין דעם קאפיטאן פון די שיף. און האבין איהם דער ציילט די גאנצע היסטאריע. און דער קאפיטאן האט ביי איהם אהן געהויבין חוקר ודורש צו זיין ביז ער האט מודה גיוועזין אז ער איז איהר מאן. און האט שוין אהן געהויבין צו ריידין יודיש און האט גיגעבין פיהל סימנים אז ער איז איהר מאן. און האט איהר גיגעבין תיכף א גט מטורין. פון דיזע מעשה קען מען זיך ארויס לערנען ווי ווייט דער רבי ר׳ חיים האט געהאט רוח הקודש. זיין זכות זאל אינז ביי שטיין עד ביאת הגואל:

# דאס גרויסקייט פון דעם רבי׳ן ר׳ חיים מצאנז א ברודער :

איינמאהל איז דעם רביינס ר׳ חיים מצאנז א ברודער געקומען קיין אונגארין אין ער איז געקומין אין איין דארף . און אין דעם דארף האט געוואהנט א יוד וואס ער האט געהאט איין קרעטשמי אין ער איז גיוועזין זייער א גרויסע עושר . אין ווי דעם צאנזער׳ס ברודער איז אריין געקומין אין דער קרעטשמי האט דער ארענדאר געזאגט אז נאך איין שלעפער פון פוילען איז געקומען . אין און דער קרעטשמי איז גיוועזין דעם ארענדאר׳ס א משרת אין ווי דער משרת האט גיהערט די רייד פון דעם ארענדאר האט איהם דאס זייער פער דראסין . איז ער צו געגאנגין צום רבי׳ן אין האט איהם געגעבין שלום אין האט איהם דער ציילט וואס זיין בעל הבית דער ארענדאר האט אויף איהם געזאגט :

דיזע ווערטער האט זייער פער דראסין דעם צאנזער רבינ׳ס ברודער אין האט געזאגט צו דעם משרת אז עס וועט קומין א צייט וואס דער ארענדאר וועט ווערין זייער ארים אזוי ווי די ביזט יעצט . אין די וועסט ווערין אגרויסע עושר אזוי ווי דער ארענדאר איז יעצט :

און א צייט ארום האט זיך דאס רעדיל איבער גערדרייט . דער משרת איז געווארען א גרויסע עושר אין האט געדינגען איין קרעטשמי . אין דער קרעטשמי איז ר״ל יעדען טאג געווארין א יורד . אזוי לאנג ביז ער האט אהן געהויבין צו זאממען נעהמין נדבות . דער משרת וואס ער איז געווארען זייער רייך איז איין מאהל געקומען צום צאנזער רבינ׳ס ברודער אין האט איהם געברענגט א פאהר זילבענע לייכטער פער א מתנה אין אויך זעהר א שיינים פדיון . אין האט געזאגט צו רבי׳ן רבי ! אזוי ווי איך האב געדינגען די קרעטשמי אין נאך דעם דארף בין איך גענייט מחלל שבת צו זיין . איבער דעם בעט איך פון רבי׳ן אז ער זאל מיר דאס מוחל זיין . אין ווי דער רב האט דאס דער הערט האט ער אויף איהם אהן געשריגען אין האט איהם ארויס געיאגט פון זיך אין האט געזאגט אז די ביסט א מחלל שבת פער לאנג איך ניט או די זאלסט ביי מיר זיין אין איך וויל ניט דיינע מתנות . אין דאס פערמעגין וואס איך האב דיר גיגעבין נעם איך עס ביי דיר

צוריק

צוריק . און עס האט ניט לאנג געדויערט אין דער משרת איז געווארען זייער א גרויסע ארימאן . כן יאבדו כל אויביך ד׳ אזוי זאלין ווערין פאר לויערען אללע דיינע פיינד און זיי זאלין ניט האבין קיין שום תקומה פאר דיר :

# אווינדערליכע ערצעהלונג פון הגאון הקדוש רבי ר׳ ברוך אבד״ק רודניק זצ״ל.

איינמאהל האט זיך געטראפען וואס די פויערען ארום די דערפער פון רודניק האבען צווישען זיך אפ געשמיסט אז זיי זאלען זיך צוזאמען נעמען אויף דעם טאג וואס עס געפאלט ביי די יודען יום הכפור אז זיי זאלען אויס הרג׳נען אללע יודין וואס עס וועט זיך דארט געפינען . און דער פון איז תיכף געווארה געווארען דער רב רבי ר׳ ברוך מרודניק אין תיכף האט דער רבי געגעבען צו וויסען דעם שר פון דער געבערני און דער שר האט תיכף געשיקט פיהל זעלנער זיי זאלען אפ היטען די יודען פון זיי צו טוהן שלעכטץ :

נאהר ערב יום כפור איז דער רב מיט זיין משמש געגאנגען צו איין דארף וואס דאס איז לעבען רודניק . און אין דעם דארף האט געוואהנט איין יוד וואס געהאט איין קרעטשמי וואס ער האט אין שבת און אין יום טוב איבער געגעבען זיין קרעטשמי דעם ערל . אין דער ערל איז שוין דעמאלט געוועזען אין דער קרעטשמי . און דער רבי האט זיך אנידער געזעצט מיט זיין משמש אויף די באנק וואס זי איז געוועזען לעבען דער קרעטשמי . ווי דער ערל האט דערזעהן ווי דער רבי מיט זיין משמש זיצען אויף דער באנק האט ער איהם געזאגט אז וויסען זאלסטו אז די וועסט זיין מארגען דאס ערשטע קרבן פון די יודען

און ווי דער ארענדאר האט דערהערט ווי דער ערל זאגט אזעלכע ווערטער האט ער פערשטאנען אז אויף געוויס זאגט ער דיזעע רייד צו א יוד איז ער ארויס געגאנגען זעהן צו וועמען ער זאגט דיזעע רייד . און ווי דער ארענדאר האט דער זעהן ווי דער רב רבי ר׳ ברוך זיצט אויף דער באנק מיט זיין משמש איז ער זייער דערשראקען געווארען

וואס טוט דא דער רבי ערב יום כפור. איז ער צו געגאנגען צום רבין און האט איהם געפרעגט צו ער האט געהערט וואס דער ערל האט איהם בעזאגט:

האט דער רבי ר' ברוך געענטפערט איך האב געהערט וואס ער האט געזאגט נאהר איך האף אז ער וועט און זיך פריהער א מעשה טוהן. און צו מארגענס נאך דעם לייענען איז דער ערענדאר א היים געגאנגען זעהן וואס עס הערט זיך ביי איהם אין דער היים. האט ער געטראפען אז די קרעטשמי איז פארמאכט. האט ער געפרעגט די שכנים צו די קרעטשמי איז שוין היינט גיוועזען אפען. האבען איהם די שכנים דערציילט ווי אין דער פרי האט מען געזעהן ווי די קרעטשמי איז געוועזען פערמאכט זענען די שכנים געגאנגען זעהן וואס די מעשה איז זענען זיי אריין אין די קרעטשמע האבען זיי קיינים ניט געטראפען. און דער נאך זענען זיי ארויף אויף דעם בוידים האבען זיי געטראפען ווי דער ערל האט זיך אויף געהאנגען כן יאבדו כל אויביך ד' אזוי זאלען פערלוירען ווערען אלע דיינע פיינט:

# און דיזע מעשה ווערד ערציילט ווי דער רבי ר' חיים מצאנז האט געהאט רוח הקודש:

און די שטאדט סקאהל האט געוואהנט א יוד וואס ער האט געהאלטין פיהל יאהרען די ארענדע ביי איין פריץ דער לעבען די שטאדט סקאהל. און דער יוד איז ל"ע געשטאנין זייער שלעכט און ער האט ניט געהאט צו בעצאהלין דעם פריץ די ראטעס איז דער יוד געפאהרען צום רבין קיין ליסקא און דער רבי האט איהם פיהל מאהל געבענטש אבער צום בעדויערען האט עס איהם גאהר ניט געהאלפין. און דער יוד איז אלע טאג ר"ל געוואהרען ארימער און ארימער ביז ער האט שוין ניט געהאט בעצאהלט דעם פריץ פער דריי יאהר. און דער פריץ האט איהם ארויס געגעבין א טערמין אז ער וועט ניט בעצאהלין אלע ראטיס ביז אין דעם טאג וועט ער איהם ארויס ווארפין פון דעם דארף:

דער

דער יוד איז געפאָהרין קיין ליסקא אין האָט פאַר דעם רבי'ן זיינער געוויינדט אין האָט איהם אַלעס דער ציילט ווי דער פריץ וועט איהם אַרויס וואַרפין האָט דער רב מליסקא געזאָגט אַז זיין עצה וואָלט געוועזין אַז די זאָלסט פאָהרין קיין צאַנז צום רבי'ן. האָט דער סוחר גיענטפערט אַז ער קען ניט פאָהרען בעוויל ער האָט ניט אויף די הוצאות קיין צאַנז. האָט דער רב מסקאָהל געזאָגט צו דעם מענטש אַז ער זאָל אַרויס גיין אין גאַס אין דאָ ווייסט מען נאָך ניט ווי שלעכט ער שטייט, אין אויף געוויס וועסטו נאָך בעקומין צו באָרגען אויף די הוצאות. און אַזוי איז געוועזין אין איז געפאָהרען קיין צאַנז.

און אַזוי ווי ער איז געקומין קיין צאַנז אין האָט אָפ געגעבין זיין קוויטיל דעם רבי'ן מצאַנז. אין אַזוי ווי דער רבי האָט געלייענט דאָס קוויטיל האָט ער געזאָגט צו דעם מענטש מיט דיזע ווערטער „אַז מען האָט ניט צו צאָהלין קיין ראַטיס קויפט מען דאָס גאַנצע דאָרף פערשפאַהרט מען צו צאָהלין ראַטיס" ווי דער מענטש האָט דער הערט דעם רבי'נ'ס רייד האָט ער זיך זייער פער וואונדערט. אין האָט ניט געוויסט וואָס דער רבי מיינט דער מיט. אַז מען האָט ניט קיין געלד צו צאָהלין קיין ראַטע און ווי אַזוי קען איך קויפין דאָס דאָרף האָט דער מענטש גירעכינט אַז אויף געוויס פערשטייט ניט דער רבי און ענין מסחר. אין די מענטשין וואָס זענין געשטאַנין לעבין איהם האָבין איהם געזאָגט נאָך וואָס ער שטייט נאָך דער רבי האָט דער אייך צו געזאָגט אַז איהר וועט קויפין דאָס גאַנצע דאָרף אין וואָס נאָך פער לאַנגסטו:

און דער אַרענדאַר האָט בשום אופן ניט געוואָלט אַוועק געהן און האָט נאָך אַמאָל געבעטען דעם רבי'ן אַז ער זאָל נאָך אַמאָל לייענען זיין קוויטעל. אין דער רבי האָט נאָך אַמאָל גענומען זיין קוויטעל און האָט ווייטער געלייענט דאָס זעלבע. נאָר דער מענטש האָט בשום אופן ניט געוואָלט גלייבען. נאָר ער האָט קיין צווייטע ברירה ניט געהאַט און האָט געמוזט אַהיים פאָהרען מיט זייער גרויסע עגמת נפש און אַזוי ווי ער איז נאָר אַהיים געקומען האָט איהם זיין ווייב דער ציילט אַז היינט און דער פריה האָט דער פריץ נאָך איהם געשיקט אַז ער זאָל צו איהם קומען. דער אַרענדאַר האָט גערעכענט אַז אויף געוויס האָט נאָך איהם דער פריץ געשיקט אַז ער זאָל איהם געבען געלד און אויב

נים

מיט, וועט ער איהם ארויס ווארפען, אבער ווי פערווינדערט איז ער געווארען אזוי ווי ער איז געקומען צום פריץ האט איהם דער פריץ זייער ארענטליך אויף גענומען און האט איהם געבעטען זיצען, און האט צו איהם געזאגט די ווייסט וואס איך וויל יעצט טוהן איך וויל דיר פערקויפען דאס גאנצע דארף, און איך ווייס אז די האסט ניט קיין געלד, וועל איך דיר געבען א עצה דערויף, איך וועל מיט דיר פארן קיין אונגארען און דארט וועט מען דיר לייען 10,000 רו"כ אויף דעם דארף און די רעשט וואס דאס דארף בעטרעפט מיין וועל איך דיר צו בארגען און די וועסט מיר אפגעבען בישלעכווייז:

דער פריץ האט דערציילט דעם יוד נאך וואס ער טוט דאס, און האט איהם אזוי דערציילט. אזוי ווי די ווייסט אז איך האב ניט קיין קינדער זיי זאלען מיך ירשינ'ן נאך מיין טוידט, נאר ביי מיר איז דא מיינס א משפחה וואס ער וועט מיך ירשינ'ן. און אזוי ווי פאר עטליכע טעג בין איך מיט איהם צוזאמען געזעסען און געטרונקען קאפע, און מיר ביידע האבען צו זאמען געשפיעלט און שאך, און אין דער מיט שפילען איז ער אויף מיר זייער בייז געווארען און פאר גרויס רציחה האט ער מיר געגעבען איין פאטש און פיל בלוט איז פון מיר אפ גערינען, איבער דעם וויל איך דיר פארקויפען דאס דארף און דאס געלד וועל איך בישלעכווייס אויסגעבען כדי ער זאל ניט נעמען פון מיר קיין ירושה, דער יוד האט געקויפט דאס דארף און איז געווארען א גרויסער עושר, און די רייד פון רביין מצאנז איז מקוים געווארען זיין זכות זאל אונז ביישטיין אויף אייביג:

## נאך א ווינדערליכע מעשה פון הגאון הקדוש רבי ר' חיים מצאנז זצ"ל:

איינמאהל איז געקומען איין חסיד קיין צאנז צום רביין וואס ער איז גיוועזין א איש מסוכן רח"ל, און ווען דער עולם האט זיך אנידער גישטעלט צו נעהמין שלום איז דער מענטש אויך גיוועזין צווישען זיי, און אזוי ווי עס איז איהם אויס געקומין צו נעהמין שלום האט איהם דער רבי געזאגט אז דיך וועל איך א אנדערש מאהל

פראווען

פראוועֶן . אין דעֶר רבי האָט בײַ איהם ניט בעֶוואָלט נעֶהמין קײַן שלום.
דעֶר חסיד איז צו מאָרגינס ווײַטעֶר געֶקומין צום רבי'ן אין האָט
חײַסטעֶר געֶוואָלט נעֶהמין בײַ דעֶם רבי'ן שלום אין האָט אנידרעֶר
געֶלײַגט דאָס קוויטיל אויף דעֶם טיש . אין דעֶר רבי האָט ווײַטעֶר
געֶזאָגט די זעֶלבעֶ ווערטעֶר פון נעֶכטין . אין דעֶר רבי האָט דאָס קוויטיל
אראָפ געֶוואָרפין פון טיש . אין מיט גרויס ווײַטאג האָט דעֶר מעֶנטש
אויף געֶהויבעֶן דאָס קוויטיל פון טיש אין איז אַרויס געֶגאַנגין פון דעֶם
רבי'ן . אין דאָס איז גיוועֶזין אין דאָנערשטיג אין פעֶרגרויסעֶ עגמת
נפש איז עֶר שוין פרײַטיג ניט אַרײַן געֶגאַנגין צום רבי'ן :

און אין דיזעֶס יאָהר איז דעֶר רבי זײַער שלאַף גיוועֶזין ר"ל אין
איבעֶר דעֶם איז דעֶר רבי ניט גיזעֶסין מיט די חסידים בײַ דעֶם
טיש אין אײַן שטיב . נאהר מעֶן האט גישטעֶלט דעֶם טיש אין דעֶר
מיט טיהר וואס די טיהר איז אַרײַן געֶגאַנגין פון אײַן חדר אין דעֶם
צווײַטעֶן אין דעֶר רבי מיט זײַנעֶ קינדעֶר זעֶנין גיזעֶסין אין אײַן חדר
בײַ דעֶם טיש . אין די חסידים זעֶנין גיזעֶסין אין דעֶם צווײַטין חדר
בײַ דעֶם זעֶלבעֶן טיש . אין דעֶר משמש פון רבי'ן איז גיוועֶזין אין
דעֶם חדר וואָס דעֶר רבי מיט זײַנעֶ קינדעֶר זעֶנין דאָרט גיוועֶזין :

און דעֶר מיט טיש האָט דעֶר רבי צו בעֶריפעֶן זײַן משמש אין האָט
איהם געֶזאָגט אַז ווען מעֶן וועֶט האַלטין בײַ דעֶם ווײַן זאָל עֶר
שטעֶלין אײַן פלעֶשיל ווײַן אין זאָל אויס ריפעֶן אַז דעֶ... אין דעֶר
מעֶנטש וואָס עֶר איז געֶקומין צו מיר אַז איך זאל איהם געֶבין אײַן
רפואה אויף די און די שלאפקײַט שטעֶלט א פלעֶשיל ווײַן . און ווי
דעֶר חסיד האָט גיהעֶרט אַז מעֶן רופט אויס זײַן נאמעֶן האט עֶר זיך
זײַער פעֶר ווינדעֶרט אין האט בײַ זיך געֶטראכט אַז אויף געֶוויס מײַנט
מעֶן איהם ניט בעֶוואָיל עֶס האט קײַנעֶר ניט געֶוויסט ווי אזויעֶר
הײַסט אין אויך אפילו דעֶר רבי האט אויך ניט געֶוויסט זײַן נאמעֶן
אין אויך נאך וואס עֶר איז געֶקומין . אויף געֶוויס איז דאָ א צווײַטעֶר
מיט דעֶם זעֶלבעֶן נאמעֶן . און אויך מיט אַזוי אײַן שלאַפקײַט . און ווי
עֶס האָט זיך פון די חסידים קײַנעֶר ניט אָהנגעֶרופעֶן און איז ניט צו
געֶגאַנגעֶן צום רבי'ן טרינקעֶן לחיים . איז דעֶר שמש אַרויס געֶגאַנגעֶן
זיכעֶן דעֶם מעֶנטש מיט דעֶם נאָהמעֶן וואָס דעֶר רבי האָט איהם
געֶזאָגט . איז דעֶר חסיד צו געֶגאַנגעֶן צו דעֶם משמש און האָט געֶזאָגט
דעֶם

דעם משמש אזוי ווי ער הייסט דעם זעלבען נאמען און איז אויך שלאף אויף די שלאפקייט וואס איהר האט אויס געריפען ביי דעם וויין. נאר איך האב מורא אז אפשר מיינט דער רבי ניט מיך. בעוויל דער רב ווייסט ניט מיין נאמען איך האב איהם אפילו נאך מיין קוויטיל ניט אפ געגעבען. דער משמש וואס האט געקענט אלע חסידים און האט געוויסט אז עס איז ניט דא קיין צווייטער וואס ער זאל הייסען דעם זעלבען נאמען וואס דער מענטש. האט איהם געזאגט אז אייך מיינט דער רבי. און איז צו געגאנגען צום רביין טרינקען לחיים און דער רבי האט איהם אהן געווינטשען אז ער זאל געהיילט ווערען:

דער חסיד האט דערנאך דערציילט אז ער איז געהיילט געווארען תיכף אזוי ווי דער רבי האט איהם אהנגערופען צום וויין. און מוש״ק ווען ער איז אריין געגאנגען צום רביין האט ער געמוזט אהן שרייבען א צווייטעס קוויטעל ער זאל ניט דאכטען און דעם קוויטעל זיין קרענק. בעוויל אזוי געזינד איז ער שוין געוועזען. יעצט זעהן מיר ווי ווייט דער רבי פון צאנז האט געהאט רוח הקודש אז איין חסיד איז צו איהם געקומען האט ער ניט געברויכט קיין קוויטעל. זיין זכות זאל אונז ביי שטיין מיר זאלען זוכה זיין צו זעהן ווי אונזער בית המקדש וועט אויף געבויעט ווערען אין אונ[illegible]זערע טעג זאלען מיר זעהן ווי משיח בן דוד וועט קומען:

## אין דיזע מעשה ווערד ערציילט ווי עס איז געקומען אדבוק פער דעם גאון ר׳ חיים מצאנז זצ״ל:

איינמאהל האט מען קיין צאנז געבראכט א בחור וואס ער איז געוועזין איין גרויסע עלוי נאהר מיט א צייט צוריק איז ער אזוי ווי איבער געדרייט געווארען און האט גירעדט אזעלכע רייד וואס מען קען עס גאהר ניט ארויס שרייבען און ווי ער האט גיזעהן א הייליגע זאך האט ער עס געווארפען אויף די ערד. און דער פאטער זיינע איז מיט איהם געפאהרען צו אללע צדיקי הדור. אבער עס האט גאהר ניט געהאלפען. ביז מען האט גיגעבין דעם פאטער א עצה אז ער זאל נאך פריבען צו פאהרען מיט זיין זוהן קיין צאנז. אפשר וועט

וואָס ער דורט געהאָלפען ווערהרען. און מען האט געפרעגט דעם בחור צו ער וויל פאָהרען קיין צאנז האט ער גיענטפערט אז קיין צאנז וויל ער פאָהרען. און דער פאָטער מיט זיין זוהן זענין געפאָהרען קיין צאנז:

אונן אזוי ווי זיי זענין געקומען קיין צאנז אין האבין געוואָלט אריין גיין צום רביין. פלוצלינג האט דער בחור בשום אופן ניט געוואָלט אריין גיין צום רביין און דער פאָטער האט מיט איהם געררעדט מיט גוטען און מיט בייזען אבער עס האט גאָהר ניט געהאָלפין ביז עס איז זיך צו זאמען געקומען פיהל מענטשין און האבען דעם בחור מיט געוואלד אריין גענימען. און דער פאָטער האט דער צייהלט דעם רביין אללעס וואס האט זיך מיט דעם בחור פאסיערט. האט דער רבי זיך אָהן גערופען אז דאס איז ניט קיין דבוק נאָהר איין עזות פנים. און אזוי ווי דער רבי האט דאס ארויס געזאגט איז דער בחור פערקעהרט געוואָהרען צו איין אנדערע מענטש און איז תיכף אריין געגאנגין אין א צווייט חדר און דאָרט איז פונקט גילעגין אויף דעם טיש פיהל ספרים. האט דער בחור זיך אויף געמישט א ספר און האט זיך אנידער גיזעצט לערנין:

נאָך דעם איז דער פאָטער צו איהם אריין געקומין האט איהם דער בחור גיפרעגט ווי ער איז בעוויילט ער האט גיהאט אין גאנצין פער געסין וואס עס איז מיט איהם גיוועזין און ווי ער איז. האט איהם דער פאָטער דער צייהלט אז זיי זענין אין צאנז ביי דעם רביין. און דער בחור איז דער פון זייער צו פרידען גיוועזין און איז אהיים געפאָהרען געזינד אזוי ווי אללע מענטשין. דעם זכות פון גאון זאל אינז ביי שטיין אז מיר זאָלין אפ געהיטען ווערין פון אזעלכע צרות:

## נאָך א ווינדערליכע מעשה פון הגאון הקדוש רבי ר' חיים מצאנז זצ"ל:

איינמאהל איז געקומען איין חסיד צו דעם רב מצאנז. און דער חסיד האט זיך פערזאהמט אין צאנז ביי דעם רביין עטליכע חדשים. און פאר פסח איז דער חסיד זייער שלאף געוואָרען ר"ל אין

דער

דער חסיד איז געלעגען בײַ איין אָרימען שנײַדער. און אַזוי ווי עס איז נעקומען פאַר פסח האָט דער שנײַדער געוואָלט אויס ווײַסען די שטיב אויף פסח אָבער ער האָט ניט געקענט בעוויל די דאָקטורים האָבען אָהן געזאָגט אַז מען זאָל ניט ווײַסען די שטיב בעווײַל דאָס ווײַסען וועט זײַער שאַהדען דעם קראַנקען. דער שנײַדער איז אַריבער געגאַנגען צום רבין און האָט איהם פּעך איהם געוויזט בעווײַל ער וויל זיך אויסרייניגען די אָרימע שטיב אויף פסח און יעצט קען ער ניט בעווײַל די רופאים האָבען איהם אָהן געזאָגט אַז דאָס וועט זײַער שאַהדען דעם קראַנקען און דער שנײַדער האָט געזאָגט אַז ער וועט מוזען דעם קראַנקען אַרויס נעמען פון זײַן שטיב:

דער רבי האָט איהם זײַער געבעטען אַז ער זאָל ניט אַרויס נעמען דעם קראַנקען פון שטיב. און דער רבי האָט איהם צו געזאָגט אַז דער חסיד וועט געזינד ווערען חאָטשי אַלע דאָקטורים זאָגען אַז זײַן לעבען איז געפערליך און ער קען ניט געזינד ווערען. נאָר בײַ השי״ת איז אַלעס מעגליך:

און אין דער שטאָדט צאַנז איז געוועזען איין רופא אַ יוד נאָר ער איז געוועזען זײַער אַ גרויסער אַפּיקורס. און ער האָט אויך געזאָגט אַז דעם חסידס לעבען איז פערפאַלען. בעווײַל ער האָט שוין ניט קײַן לינגען. און ווי דער רופא האָט געהערט אַז דער רבי האָט צו געזאָגט דעם שנײַדער אַז דער חסיד וועט נאָך לעבען האָט ער זײַער געלאַכט. אָבער צום פערוואונדערונג פון דעם רופא האָט מען איהם גערופען און עטליכע טעג אַרום נאָך דעם וואָס דער רבי האָט צו געזאָגט אַז דער חסיד וועט צוריק געזינד ווערען. האָט ער געזעהן אַז עס איז איהם פיהל בעסער. און אויך אַז דער חסיד וועט שוין קענען ווערען צוריק געזינד. האָבען איהם פיהל מענטשין גיפרעגט און וואָס זאָגסטו יעצט צו דעם חסיד ער קען שוין געזינד ווערען אַזוי ווי דער רבי האָט געזאָגט. האָט דער רופא געזאָגט אַז ער האָט געהאַט דער פעהר אַ גרויסען טעות ער האָט גירעכינט אַז ער האָט שוין ניט קײַן לינגען און צום סוף האָט ער נאָך יאָה געהאַט לינגען איבער דעם איז איהם פיהל בעסער געוואָהרין:

האָבין די מענטשין גיפרעגט דעם רופא פער וואָס ער גלייבט ניט אַז דאָס איז געוואָהרען דאָך דעם רבינ׳ס ברכות. האָט דער רופא געזאָגט אַז דער רבי זאָל קענין אַזעלכעס טוהן וואָס זײַנע ברכות העלפין

העלפין וועלט ער גימאכט זעהן בלינדע אין לאמע וועלין קענען גיין האבין איהם די חסידים וואס זענען דארט גיוועזין געזאגט אז דאס איז השגחת הבורא. כדי דער מענטש זאל קענין האבין די בחירה. בעוויייל אויב דער מענטש וועט זעהן אז דער צדיק קען מאכין פון בלינד זעהנדיג צו נאך אזעלכע זאכין וועלין דאך אללע מענטשין זעהן אז דאס איז השגחת הבורא אין דער מענטש וועט מוזין טוהן תשובה. אויבער אז דער צדיק וועט נאהר טוהן בייאלטעני זאכין אזוי ווי יעצט ביי דעם חסיד וואס די ליגנען זענין בעהאלטין פון מענטש אין דער מענטש קען אפ לייקענין אז דאס איז ניט קיין השגחת הבורא וועט דער מענטש בלייבין שטענדיג ביי איין קלאהר. אין איבער דעם וועט ער האבין די בחירה ער וועט קענין טוהן גוטס אין ער וועט קענין טוהן שלעכטץ. דער רופא האט געמוזט מודה זיין אין ער איז געוואהרען א אמתע בעל תשובה. מיר זאלין זוכה זיין אז מיר זאלין תשובה טוהן במהרה בימינו אמן:

## נאך א ווינדערליכע מעשה פון הגאון הקדוש רבי ר' חיים מצאנז זצ"ל:

אין דער שטאדט רישא איז גיוועזין זייער א גרויסע גביר אין ער איז ר"ל שלאף געוואהרען אויף איין ראק אויף די לעבער. אין אללע דאקטוירים האבין איהם געזאגט אז זיין לעבען איז פער פאלין ער קען שוין ניט האבין קיין רפואה האט דער גביר געשריבען א בריף צום רביין פון צאנז אז ער זאל אויף איהם בעטין רחמים ער זאל געזינד ווערען. האט איהם דער רבי ניענטפערט אז ער וועט איהם שיקען 1000 זילבער וועט ער געזינד ווערען. אין ווי דער גביר האט דער זעהן דעם רבינ'ס בריף האט ער תיכף דורך פוסט געהייסען שיקען דאס געלד. אין דער גביר האט געהאט קינדער וואס זיי זענין געפאהרען קיין ריזין. אין ווי די חסידים פון צאנז וואס האבען געוואהנט אין רישא זענין דער פון געוואהר געוואהרען אז דער גביר האט געשיקט דאס געלד האט דאס זיי פערדראסין אויף די גאנצע זאך בעוויייל זיי האבען מורא געהאט אז אפשר וועט זייער רבי'נס ברכות

ברכה ניט העלפין בעוויל ניט שטענדיג טרעפט זיך קיין נס. אין אפשר איז דער גביר ניט ראוי אז עס זאל איהם גישעהן איין נס, אין אויך אפשר איז די צייט ניט ראוי צו קיין נס אין דער נאך וועט זיין זייער א גרויסע חלול השם. אין אויך די קינדער פון דעם גביר וועלין דער נאך שפעטין אויף צאנז:

האבין. די חסידים פון צאנז זיך מיישב גיוועזין אין האבין תיכף צוועק געשריבען איין בריף צום רביין אין האבין געשריבען אין דעם בריף אז אזוי ווי דעם גביר'ס קינדער פאהרען קיין ריזין כדי דער רבי זאל וויסען וואס ער האט צו טוהן. אין שטענדיג האט אפ גענימען די פוסט וואס עס איז געקומין צום רביין דעם רבינ'ס איידים הרב ר' אליעזר ירוחם זצ"ל אין ער האט אפ גיגעבין די בריף דעם רבי'ן. אין צו מארגינס איז צו זאמין געקומין דעם גביר'ס בריף אין אויך די 1000 זילבער אין אויף דעם בריף פון די חסידים פון רישא. האט דער ר' אליעזר ירוחם זצ"ל גענימין דאס געלד אין אויך דעם בריף פון דעם עושר וואס האט געשיקט דאס געלד אין האט גיגעבין דעם רביין אין דעם בריף פון די חסידים פון רישא האט ער ניט גיוויזין דעם רבי'ן. אין אזוי ווי דער רבי האט איבער געליינט דעם בריף פון גביר פון רישא האט דער רבי תיכף געהייסין צוריק שיקען דאס געלד צום גביר אין האט איהם געהייסין שרייבען אז ער זאל ניט קיין מורא האבען וואס ער שיקט צוריק דאס געלד. ער זאגט איהם צו אז מיט השי"ת הילף וועט ער געזונד ווערין אין אזוי ווי ער וועט געזונד ווערין זאל ער זעלבסט איהם ברענגין דאס געלד. אין ווי דער ר' אליעזר ירוחם האט גיזעהן אז ער הייסט איהם צוריק שיקען דאס געלד האט ער איהם דעמאלט ערשט גיוויזען דעם בריף פון די חסידים פון רישא. אין דעמאלט האט ער ערשט גיזעהן אז דער רבי האט מכוון גיוועזין מיט זיין רוח הקודש אין דעם בריף פון די חסידים פון רישא. אין דער עושר איז דער נאך געזונד געווארען אין ער זעלבסט האט דער נאך גיברענגט דאס געלד צום רביין אין איז געווארען איין גרויסע צאנזער חסיד השי"ת זאל אינץ העלפין מיר זאלין זוכה זיין צו זעהן די גאולה שלימה ונאמר אמן:

# און דיזע מעשה ווערד ערציילט ווי א גרויסע נדבן דער צאנזער רבי זצ"ל איז געוועזן:

עס איז בעוויסט אז דער צאנזער רב איז געוועזן א גרויסע נדבן. עס איז ניט געוועזן קיין מענטש אז ער זאל עפיס בעטין ביי זיעם רביין און דער רבי זאל דעם מענטש ניט צו ליעב טוהן און אויך האט ער פיהל יתומים חתונה געמאכט. און אויך האבין ביי איהם גיגעסין פיהל אלמנות און יתומים. און אויך פיהל מאהל האט ער אפילו נדן אויך גיגעבין ארימע יתומים. און ער האט זיך געפרייד אויף זייער חתונה אזוי ווי איין פאטער פרייד זיך ביי זיין קינד אויף דער חתונה:

איינמאהל האט זיך געטראפין ווען דער רבי מיט זיין איידים זענין גיזעסין ביי דעם טיש. איז צו דעם רביין אריין געקומין איין מלמד פון צאנז האט איהם דער רבי גיפרעגט צו ער רעכינט דיזע צייטין חתונה מאכין האט איהם דער מלמד גיענטפערט אז ער ווייסט ניט. האט איהם דער רבי גיפרעגט פער וואס? האט איהם דער מלמד גיענטפערט בעוויל ער האט ניט קיין געלד צו קויפען קיין טלית מיט א שטריימיל. האט זיך דעם רבינ'ס איידים אהן גערופען עס איז מיר א גרויס ווינדער איך זעלבסט האב גיזעהן ווי ער האט שוין געקויפט איין טלית מיט א שטריימיל. און דער מלמד איז זייער פער שעמט געווארען און איז ארויס געגאנגין זייער מיט גרויס בושה:

נאך דעם ווי דער מלמד איז ארויס געגאנגין האט דער רבי געזאגט צו זיין איידים. בזה הלשון וויי איז מיר אז די האסט א יוד מבייש גיוועזין אפשר האט ער נאהר געהאנדילט דעם טלית ושטריימיל און האט ניט געהאט מיט וואס צו בעצאהלין אדער אפשר בראיכט ער פאהר רו"כ צו מאכין וועלכעס מלבוש פער זיין ווייבס וועגען. און ער שעמט זיך דאס צו זאגין וואס האסטו געטוהן האסט מבייש גיוועזין א יוד ווי אזוי וועסטו אפ געבען דין וחשבון פער דעם בית דין של מעלה? און נאך אזעלכע זאכין האט דער רבי גירעדט:

און ווי דעם רבינ'ס איידים האט דאס דער הערט איז ער ארויס געלאפין און נאך געיאגט דעם מלמד אז ער זאל איהם מוחל זיין אבער דער מלמד האט בשום אופן ניט געוואלט מוחל זיין; נאהר ער האט

האט געזאגט אז ער וויל גיין צום דעם רבי'ן האבין מיט איהם א דין תורה. דעם רביני'ס איידים האט ניט געהאט קיין צווייטע ברירה און איז זענין ארוין געגאנגען צום דעם רביין צו א דין תורה. און דעם רביני'ס איידים האט איהם ביי דעם רבי'ן און די אויגין איבער גיזאגט. דער רבי האט זיך אהן גערופין צו דעם מלמד און איהם געזאגט אז ער זאל זיין איידים ניט מוחל זיין ביז ער וועט אויף זיך נעהמין אז ער זאל דיר קויפין איין שטריימיל מיט איין טלית. און אויך זאל ער דיר געבען אלעס וואס די בריכסט אויף די חתונה. דעם רביני'ס איידים האט אויף זיך גענימין דעם פסק דין און האט אלעס מקיים גיוועזין אזוי ווי דער צאנזער רבי האט גע'פסק'ינט. און דער מלמד האט איהם מוחל גיוועזין אויף זיין בושה. פון דיזע מעשה זעהן מיר אז דער צאנזער רבי האט ניט געמאכט קיין חלוק צווישען זיין איידים און צווישען איין פשוט'ן מלמד בעוויל ער איז גיוועזין איין בעל מוסר. ער האט מורא געהאט אז אפשר האט ניט דער מלמד קיין געלד אויף די חתונה האט ער גיזעהן אז דער מלמד זאל קענין חתונה מאכין זיין זכות זאל איבין ביי שטיין:

---

## און דיזע מעשה ווערד ערציילט פון די מגיפה וואס עס איז גיוועזין אין צאנז אין די טעג פון דעם גאון הקדוש רבי ר' חיים זצ"ל:

איינמאהל איז ר"ל גיוועזין זייער גרויסע שלאפקייטין אין די שטאדט צאנז. און דער רבי איז ארויס געלאפין פון דער שטאדט און האט זיך בזעצט אין א שטאדט נעבען צאנז. און דער רבי האט געהייסין די שטאדט לייט אז זיי זאלין נעהמין איין יתום מיט איין יתומה און מען זאל זיי חתונה מאכין און די שטאדט זאל געבען אלעס בעדערפעניסען אויף די חתונה און די חתונה זאל זיין אויף דעם בית החיים בעוויל דאס איז א סגולה צו די מגיפה:

**און א צייט ארום האט השיית רחמנות בעקומען אויף די שטאדט צאנז און די מגיפה האט אויף גיהערט. און ווי דער רבי האט גיהערט**

געהערט אַז די מגיפה ר"ל האָט אויף געהערט איז ער צוריק געפאָהרען קיין צאַנז . און אזוי ווי דער רבי איז צוריק געקומען קיין צאַנז האָט ער געמאַכט איינע גרויסע סעודה לכבוד דעם נייעם פאָר פאלק און האָט געשיקט נאָך דעם פאָהר פאָלק און אויך נאָך די גאַנצי שטאָדט מענטשין פון גרויס ביז קליין . נאָך דער סעודה האָט דער רבי געזאָגט צו דעם יונגען מאַן עס איז אמת איך בין ניט גיוועזין אויף דיין חתונה . אָבער דרשה געשאַנק וועל איך דיר יעצט געבען . נאָהר דער פעהר וועל איך אייך דער צעהלין איין מעשה וואָס עס האָט זיך געטראָפין ביי דעם רביין ר' אלימלך מליזענסק :

**ביי** איין מענטש און איין קרעטשמי האָבין געדינט איין משרת מיט איין משרשת . און דער בעל הבית האָט זיי צו געזאָגט אַז ער וועט זיי געבען אזוי פיהל איין יאָהר . נאָהר זיי האָבען ביי איהם ניט געוואָלט נעמען ביסלעך וויים נאָהר זיי זאָלין זיך אָהן זאַמלין ביי איהם און אַ צייט ארום וועלין זיי ביי איהם נעהמין אויף איין מאָהל כדי זיי זאָלין קענין דער נאָך מאכין פון דעם געלד איין תכלית :

**אויבער** צום בעדויערען איז זייער געדאַנק ניט מקוים געוואָהרען בעוויל דער בעל הבית איז ר"ל זייער פאַר אָרימט געוואָהרען און האָט ניט מעהר מאָגט זיי צו בעצאָהלין . און ווי זיי האָבין גיוועהן אַז זייער בעל הבית האָט זיי ניט צו בעצאָהלין האָבין זיי איהם מוחל גיוועזין זייער געלד וואָס עס קומט זיי ביי איהם און זיי זענין פון איהם אוועק געגאַנגין צו איין צווייטען בעל הבית . און אַ צייט ארום האָט דער משרת דער זעהן זיין ערשטען בעל הבית ווי ער גייט ארום ר"ל אין די הייזער נאָך נדבות . האָט איהם דער משרת גיפרעגט נאָך וואָס ער זעהט זיך ניט קיין צווייטע פרנסה ער זאָל ניט ברויכין צו בעטין קיין נדבות . האָט ער איהם גיענטפערט אַז ער זאָל האָבין 100 גילדען וואָלט ער גיקענט האָבין פרנסה . און ווי דער בחור האָט דאָס דער הערט איז ער בעגאַנגין און האָט דער צעהלט די דינסט וואָס זי איז אויך ביי איהם גיוועזין . און האָט בעזאָגט אַז זיין עצה וואָלט גיוועזין אַז זיי זאָלין ווייטער געבין זייער ערשטען בעל הבית די 100 גילדען :

**האָט** די דינסט גיענטפערט מיר גיפעלט זייער דיין עצה אָבער איך קען דאָס ניט טוהן בעוויל איך בין שוין ניט קיין יונג מיידיל און

אין אויך ברויך עפּיס געלד צו קענען טוהן איין שדוך נאָהר אויף דעם תנאי קען איך איהם געבען געלד אַז די זאָלסט מיר געבען תקיעת כף אַז די וועסט מיך נעהמען פער איין ווייב אפילו אָהן איין פּרוטה. דער משרת האָט ניט לאַנג בעקלעהרט און האָט איהר גיגעבין תקיעת כף און זיי האָבין אַוועק געגעבין זייער געלד צו דעם ערשטען בעל הבית און ער האָט זיי זייער געדאַנקט און האָט זיך מיט זיי געזעגינט און איז פון זיי אַוועק געגאַנגין און ער האָט זיך געמאַכט איין מסחר פון דעם געלד און השי"ת האָט איהם צו געשיקט זיין פּרנסה בכבוד:

דער משרת און די דינסט ווי זיי האָבין אַוועק געגעבין זייער געלד און זיי האָבין גיזעהן אַז זיי האָבין ניט קיין געלד אויף די חתונה הוצאות האָבין זיי זיך מיישב גיוועזין אַז זיי וועלין אַרום גיין און די הייזער בעטען נדבות זיי זאָלין האָבין אויף די חתונה הוצאות בעווייל זיי זענין געוואָהרען עלטער און האָבין שוין ניט גיקענט זיין קיין משרתים. זיי האָבין זיך געקויפט איין פערד מיט איין וואָגען און זענין צו זאַמין אַרום געפאָהרען אויף די וועלט צו זאַמין צו נעהמין נדבות. און די גאַנצע צייט וואָס זיי זענין צו זאַמין געפאָהרען האָבין זיי חלילה קיין שום עבירה ניט געטוהן. און איבער זיי איז געוואָהרען א גאַנצע רעש אין הימעל:

און דער רבי הקדוש רבי אלימלך זצ"ל האָט דאָס אַלעס גיזעהן מיט רוח הקודש. און ער האָט זייער השק געהאַט צו זיין אויף זייער חתונה. איינמאָהל האָט דער רבי ר' אלימלך געזאָגט צו זיינע תלמידים אַז זיי זאָלין מיט איהם פאָהרען אויף עטליכע שעה. און דער רבי ר' אלימלך מיט זיינע תלמידים זענין צו זאַמין געפאָהרען ביז זיי זענין געקומען צו איין קרעטשמי. און דער רבי ר' אלימלך האָט געהייסען אַז מען זאָל זיך אָפּ שטעלין ביי די קרעטשמי און דעממאָלט איז גיוועזין די צייט פון תפלת מעריב. און דער רבי מיט זיינע תלמידים זענין אריין געגאַנגין אין די קרעטשמי דאַווינין מעריב. און זיי האָבין ניט געזאָגט וועהר זיי זענין נאָהר זיי האָבין זיך געמאַכט פאַר סוחרים. און נאָך דעם דאַווינין האָט דער רבי ר' אלימלך גיזעהן ווי אין איין ווינקעלע פון די קרעטשמי זיצט איין בחור מיט איין בתולה. האָט דער רבי ר' אלימלך גיפרעגט דעם בחור וואָס זיי טוהן אין די קרעטשמי האָט דער בחור דער ציילט דעם רבין ר' אלימלך די גאַנצע מעשה:

האָט

האט דער רבי ר' אלימלך געזאָגט אַזוי ווי איך זעה זענט איהר דאָך ערליכע מענטשין נאָך וואָס ברויכט איהר עובר צו גיין אויף איין איסור וואָס איהר זענט בעזאַממען איז דאָך גלייכער אַז איהר זאָלט חתונה האָבין אין דער נאָך קענט איהר אויף דאָך דאָס זעלבע טוהן וואָס איהר טוט יעצט :

די עצה פון רבי'ן ר' אלימלך איז דעם בחור געפעלין און מען האט תיכף גישטעלט איין חופה און דער רבי ר' אלימלך איז גיוועזין מסדר קידושין אַזוי ווי דער דין איז . און דער בעל הבית האט זיי גיגעבין איין סעודה און דאָס איז אַללעס גיוועזין איין גילעכטער ביי דעם בעל הבית . און נאָך דער סעודה איז דער רבי ר' נפתלי אויף געגאַנגין אויף דעם טיש און האט אָהן געהויבען צו ווּפען דרשה געשאַנק אַזוי ווי דער מנהג איז . דאָס ערשטע האט גיגעבין דער רבי ר' אלימלך דאָס גאַנצי דאָרף פער דרשה געשאַנק . און דער נאָך האט גיגעבין איין תלמוד פון רבי'ן ר' אלימלך די מיהל מיט 6 שטיינער וואָס עס איז דאָ און צווייטען דאָרף דרשה געשאַנק , דער צווייטער תלמיד האט גיגעבין 1000 רייניש דרשה געשאַנק . דער נאָך האָבין זיי גיפרעגט דעם בעל הבית וואָס ער וועט געבען דרשה געשאַנק האט דער בעל הבית זייער געלאַכט און געזאָגט נים גענוג איך האָב אייך גיגעבין עסין און טרינקען זאָל איך נאָך געבין דרשה געשאַנק . האט זיך ר' נפתלי מראפשיץ אָהן גערופין איך וועל אייך געבין דרשה געשאַנק די קרעטשמי מיט די גיזעלני וואָס עס שטייט לעבען דער קרעטשמי און ביי דעם בעל הבית פון די קרעטשמי איז דאָס גיוועזין איין גילעכטער די גאַנצי מעשה . און נאָך דעם בענטשין איז דער רבי ר' אלימלך מיט זיינע תלמידים אַוועק געפאָהרען און אויף דאָס פאָהר פאָלק זענין אַוועק געפאָהרען פון די קרעטשמי :

און ווי דאָס פאָהר פאָלק זענין אַוועק געפאָהרען פון די קרעטשמי עטליכע וויאָרסט האָבין זיי דער הערט פון וואַלד ווי איין מענטש שרייט אויף פויליש אַז מען זאָל איהם קומין צו הילף איז דער יונגער מאַן געגאַנגין זעהן ווער עס שרייט דאָרט און וואַלד . ביז ער איז צו געקומין צו דעם אָרט . און ווי ער איז צו געקומין האט ער דער זעהן ווי איין יונגער מענטש רייט אויף איין פערד און דאָס פערד איז אַריין און איין טיפען זומפ און דער מענטש מיט דעם פערד קענין

בשום

בשום אופן נים ארויס פון דעם זומפ. האט ער זיך איין גישטעלט זיין לעבען אין מיט פיהל חכמה האט ער עס געטוהן ביז ער האט דעם מענטש ערויס גענימען פון דעם זומפ. אין זער פיהל מידקייט האט דער מענטש שוין נים גיקענט שטיין אויף זיינע פיס. איז ער געלאפין נאך זיין פערד אין וואגין אין ער האט דעם מענטש ארויף געלייגט אויף דעם וואגען. אין נאך דעם ווי דער מענטש איז שוין גילעגין אויף דעם וואגען האט ער איהם גיפרעגט וועהר ער איז אין וואס ער טוט אזוי אין וואלד אזוי שפעט ביי נאכט. האט איהם דער מענטש דער ציילט אז ער איז דעם פריץ'ס פון דעם דארף א זוהן אין אויך האט נאך זיין פאטער נאך דערפער. אין נעכטין האט געברויכט צו זיין מיין חתונה מיט די טאכטער פון א צווייטען פריץ. אין עס איז שוין גיוועזין אהן געגרייט די גאנצע חתונה אין אויך פיהל מחותנים זענין שוין גיוועזין אויף די חתונה און אין די מיט סעודה האט מיך פערגליסט אז איך זאל פאהרען אין וואלד אריין איך זאל קענין פאנגין וועלכע חיה אויף דער סעודה אין איך האב קיינים נים דער ציילט וואס איך רעכין צו טוהן:

און אזוי ווי איך בין געקומין אין וואלד אריין איז דאס פערד אריין אין דעם זומפ. אין איך בין שוין אין דעם זומפ פון נעכטין אהן אין איך שריי אין עס איז מיר קיינער נים געקומין צו הילף. אין ווען די קומסט מיר נים צו הילף אויף געוויס וואלט איך געשטארבין אין דעם פריק'ס זוהן האט איהם געבעטין אז ער זאל איהם פיהרען צו זיין פאטער דער יונגער מאן האט איהם צו ליעב געטוהן אין ווי זיי זענין געקומין לעבען זיין פאטער. אין מען האט גינעבין צו וויסען דעם פאטער מיט די מחותנים וואס זענין נאך דארט גיוועזין. אז דער חתן קומט שוין זענין זיי איהם אקעגין געלאפין אין האבין איהם געקושט. אין ער האט זיי דער ציילט וואס עס האט זיך מיט איהם פאסירט אין ווען נים דער יוד וואס האט איהם ארויס געראטיווית וואלט ער שוין לאנג געהאט געשטארבען:

און ווי דער פאטער האט דער הערט ווי דער יוד האט געראטעוועט פון טויט זיין איינציגען זוהן האט ער איהם זייער געחאלזט אין געקושט אין האט איהם געפיהרט אין פאלין אריין אין האט געשיקט צו דעם יוד וואס ער וואהנט אין דארף אז ער זאל ברענגין צו עסין אין צו טרינקין כשר. אין האט איהם געזאגט בעוויל די האסט געראטעוויט

בּרַאטעֶוויט מיין קינד פון דעֶם טוידט . אין אִיבּעֶר דעֶם וועֶל איך דיר שענקין פאֶר איין מתנה דאָס גאַנצי דאָרף אין די מוטעֶר האָט איהם גיגעֶבּין די קרעֶטשמי מיט די גיזעֶלני פאֶר איין מתנה . אין די מחותנים האָבּין איהם גיגעֶבּין פעֶר איין מתנה 1000 ריינדיש . אין אויך האָבּין זיי איהם גיגעֶבּין אַ כתב אַז דאָס אַלעס גיהעֶרט צו איהם . אין אויך האָבּין זיי אָהן געשריבּין אַבּייף צו זייער פּאֶר וואלטעֶר אַז אַזוי ווי עֶר וועֶט קומין זאָלין זיי איהם אַלעס געֶבּעֶן וואָס עס שטייט גאָהר אין כתב :

אוּן ווי דעֶר יוד פון די קרעֶטשמי האָט דאָס דעֶר הערט אַז עֶר וועֶט מוזין אָפּ טרעֶטין פון די קרעֶטשמי אין עֶר האָט ניט קיין צווייטע פּרנסה . איז עֶר תיכף געֶפאָהרין צום רבּי'ן ר' אלימלך אין האָט פאֶר איהם געֶוויינט . האָט דעֶר רבּי ר' אלימלך איהם גיעֶנטפעֶרט איך האָבּ דיך גיבּעֶטין אַז די זאָלסט איהם געֶבּעֶן דרשה געֶשאַנק אין די האָסט בּשום אופן ניט געֶוואָלט געֶבּעֶן קיין שום מתנה מיט דיין גיזאָגט ווילאָן . אין יעֶצט איז שוין פעֶרפאַלין אין איך קאָן דיר גאָהר ניט העלפין :

נאָך דעֶם האָט דעֶר רב פון צאַנז געֶזאָגט איך גיבּ איין אויך יעֶצט איין דאָרף דרשה געֶשאַנק . אין עֶס האָט ניט לאַנג געֶדויערט ווי דאָס פאָהר פאָלק איז זייער רייך געֶוואָהרעֶן אין זיי האָבּין זיך געֶקויפט דאָס זעֶלבּע דאָרף וואָס דעֶר רבּי פון צאַנז האָט זיי אָהן געֶווינטשעֶן . זיין זכות זאָל איבּק בּיי שטיין עד עולם :

## אוּן דיזע מַעֲשֶׂה ווערד עֶרְצֵיילְט ווִי דֶער רֶבִּי ר' חַיִים מִצַאנְז הָאט קֵיינִים נִיט נוֹשֵׂא פָּנִים גִיוֶועזִין :

ווען דעֶר גאון איז אויך געֶנימין געֶוואָהרעֶן עֶר זאָל וועֶהרין רב אין צאַנז איז עֶר נאָך גיוועֶזין זייעֶר יונג . אין דעֶממאָלט איז גיוועֶזין אין צאַנז איין איש חסיד מיט דעֶם נאָממעֶן ר' יודיל . אין דעֶר ר' יודיל האָט געֶוואָלט זעֶהן צו דעֶר גאון איז ראוי עֶר זאָל שוין זיין רב האָט דעֶר ר' יודיל גיבּעֶטין איין מעֶנטש אַז עֶר זאָל איהם רופין צו דין תורה דעֶר מעֶנטש האָט אַזוי געֶטוהן אין האָט געֶריפין דעֶם ר' יודיל

יודיל צו דין תורה. אין דער ר׳ יודיל האט גיענטפערט דעם שמש אז ער האט היינט קיין צייט ניט. האט דער רב נאך איהם געשיקט דאס צווייטע מאהל. האט דער ר׳ יודיל ווייטער גיענטפערט אז איך האב יעצט וייער קיין צייט ניט. אין איך וועל שוין אליין קומין צו דעם רב ווען איך וועל נאהר צייט האבין אין נאך וואס האט דער רב נאך מיר אזוי פיהל צו שיקען. אין צו מארגינס האט דער רב ווייטער נאך איהם געשיקט אין האט געזאגט דעם משמש אז ער זאל זאגין דעם ר׳ יודלין אז ער וועט תיכף ניט קומין צו דער דין תורה וועט ער איהם לייגין אין חרם ארייין. און ווי דער ר׳ יודיל האט דאס דער הערט איז ער אריבער געגאנגין צום רב אין האט ביי איהם גיבעטין מחילה אין האט איהם דער צוילט אז ער האט איהם געוואלט אויס פריווין צו ער וועט פער איהם נושא פנים זיין. בעוויל ער איז דער ראש הקהל האט ער געוואלט זעהן צו ער איז ראוי פער איין רב. אין יעצט ווי איך האב גיזעהן אז איהר זענט מיר ניט נושא פנים אויך געוויס וועט איהר קיינים ניט נושא פנים זיין אין איהר זענט ראוי צו זיין אינזער רב. פון דיזע מעשה קען מען זיך ארויס לערנין אז דער מענטש מאהר קיינים ניט נושא פנים זיין נאהר מען ברויכט משפט׳ן אזוי ווי דער דין איז. זיין זכות זאל אינז ביי שטיין מיר זאלין זוכה זיין אז אין אינזערע טעג זאל משיח בן דוד קומין אין זאל אינז אויס לייזין פון דעם ביטערען גלות ונאמר אמן:

# נאך א ווינדערליכע מעשה פון הגאון הקדוש רבינו ר׳ חיים מצאנז זצ״ל:

איינמאהל אום שבועות נאך דעם דאווינין האט דער רבי געשיקט נאך עטליכע חסידים גרויסע עשירים אז זיי זאלין קומין צו איהם קידוש מאכין. אין נאך דעם דאווינין זענין די חסידים געקומין צום רב׳ין אין זיין חדר ארייין. ווי ער איז שטענדיג גיוועזין. אויבער צו זייער פערווינדערינג האבין זיי קיינים אין דעם חדר ניט בעטראפין. נאהר זיי האבין גיזעהן אז אויף דעם טיש שטייט בראנפין אין צו בייסין. זיי האבין ניט געוויסט וואס זיי זאלין טוהן האבין

זיי

זיי זיך כיישב גיוועזין אז זיי וועלין א ביסיל צו ווארטין אפשר וועט דער רבי אריין קומין. אין א צייט ארום איז דער רבי אריינגעקומין אין האט זיי געזאגט מיט זייער אגרויסע שמחה גוט יום טוב. אין האט זיך אנידער געזעצט ביי דעם טיש. אין האט זיי געזאגט ווען איך בין גיוועזין א יונגער מאן האב איך שטענדיג געזאגט איין פשטיל אום שבועות פאר אללע לומדים. אין יעצט איך בין שוין אויף די עלטער איך האב שוין ניט קיין כח איך זאל מיך מפלפל זיין מיט די לומדים איבער דעם וועל איך פאר איין זאגין א קליין פשטיל. איך ברויך צו האבין 1000 רייניש אויף א נייטיגע זאך וויל איך נישט מאכין קיין קידוש ביז איהר וועט צווישען אייך זיך אוים גלייכין ווי פיהל יעדער וועט פון אייך געבען אין איך ברויך דאס געלד צו האבין תיכף מוצאי יום טוב. אין איז ארויס געגאנגין פון דעם חדר אין א צווייט חדר. און האט זיי געזאגט אז זיי וועלין צווישען זיך האבין אוים געגלייכט וועט ער צוריק אריין קומין אין דעממאלט וועט ער ערשט מאכין קידוש: אין אזוי ווי דער רבי איז ארויס געגאנגין האבין זיי צווישען זיך אוים געגלייכט אין זיי האבין אריין געשיקט זאגין דעם רבי'ן אז זיי האבין שוין צווישען זיך אוים געגלייכט. אין זיי האבין צו געזאגט אז תיכף מוצאי יום טוב וועלין זיי געבין די 1000 רייניש. אין דער נאך האט דער רבי ערשט קידוש געמאכט אין האט צו זיי געטרינקען לחיים. אין דער נאך האט ער זיי געזאגט אז ער ברויכט דאס געלד תיכף אוועק שיקען מען זאל התונה מאכין איין יתומה. אין א צייט ארום איז זיין זוהן שלאף געווארען אין די דאקטוירים האבין איהם געזאגט אז ער ברויכט אוועק צו פאהרען אין איין ווייטים באד אין דאס האט געברויכט צו קאסטין פיהל געלד. האט דעם רבינ'ס זוהן גיבעטין איין איש מכובד אז ער זאל ריידין מיט זיין פאטער ער זאל איהם געבין געלד אויף דעם באד. בעוויל ער האט שוין עטליכע מאהל גירעדט דעם פאטער אין האט איהם ניט גיגעבין. אין דער איש מכובד האט גירעדט מיט דעם צאנזער רבי'ן אז ער זאל זעהן אז זיין זוהן זאל פאהרען אין באהד אריין. האט דער צאנזער רבי גיענטפערט אז ער האט נים קיין געלד. האט דער איש מכובד תיכף גיגעבין דעם צאנזער רבי'ן א גרויסע סומע אין אויך פיהל חסידים האבין תיכף גיגעבין פיהל געלד דעם רבי'ן. אין דער נאך האבין די חסידים געזאגט דעם צאנזער רבינ'ס זוהן אז ער זאל יעצט

ריידין

רײדין זײן פאָטער בעװײל ער האָט יעצט פיהל געלד . אין דער זוהן האָט יעצט װײטער גירעדט זײן פאָטער אז ער זאָל זעהן ער זאָל קענען פאָהרען אין װײרים באָהד . האָט דער צאַנזער רבי אַרױס גענימין 5 רײניש אין האָט איהם גיגעבין . דאָס רבינ׳ס זוהן איז אַרױס געגאַנגען מיט זײער גרױס בושה אין האָט דער צײלט דעם איש מכובד װאָס דער פאָטער האָט איהם געגעבין . אין דער איש מכובד איז תיכף אַרײן געגאַנגען צום רבי׳ן אין האָט איהם גיפרעגט פאַר װאָס ער האָט איהם יעצט ניט גיגעבין איהר האָט דאָך געלד ? האָט דער צאַנזער רבי גיענטפערט אַז ער ברױכט דאָס געלד פאַר איין מענטש װאָס עס איז איין גרױסע מצוה װאָר װעט איהם געבין אױב ניט איך . אָבער מײן זוהן װי ער װעט נאָהר קומין אין װעט זאָגין אַז ער איז דער צאַנזער רבינ׳ס אַ זוהן װעט מען איהם תיכף געבען װיפיהל ער ברױכט. פון דיזע מעשה קען מען זיך אַרױס לערנין אַ מוסר השכל אַז דעם מענטש ברױכט צו װיסין אַז ניט נאָהר ער זעלבסט ברױכט אין ניט קאַן צװײטע, זײן זכות זאָל אינז בײ שטײן אַז מיר זאָלין ניט ברױכין אָהן צו קומין צו קײן מענטש :

## נאָך אַ װוּנדערליכע מעשה פון הרב הקדוש ר׳ חיים מצאַנז זצ״ל :

**קײן** צאַנז איז געקומען איין חסיד צום רבי׳ן אין האָט איהם דער צײלט אַזױ װי ער האָט מיט איין קורצע צײט צוריק חתונה געהאַט אין תיכף נאָך די חתונה איז מײן װײב שלאָף געװאָהרין אין די דאָקטױרים זענין זיך שױן פון איהר מייאש אין זײ זאָגין אַז זײ האָבין ניט קײן רפואה פון איהרט װעגין . דער רבי האָט איהם גיענטפערט אַז אױף געװיס װעסטו זײן אין צאַנז שבת נאָך שבת װעל איך דיר ענטפערין תשובה :

**פריטיג** צו נאַכט נאָך דעם דאַװינין איז דער גאַנצער עולם װאָס זענין גיװעזין אין צאַנז געשטאַנין בײ דער טיהר פון דעם חדר פון רבי׳ן זײ זאָלין הערען פון רבי׳ן קדוש . אין דער חסיד איז אױך געשטאַנין צװישען דעם עולם . אין פלוצלינג איז דער רבי

אהן געקומען דורך א צווייטע טיהר און איז צו געגאנגען צו דעם יונגען מאן און האט איהם גיגעבען איין פאטש. און דער רבי איז צוריק געגאנגען אין זיין חדר נאך דעם האט דער רבי געזאגט זיין משמש אז ער זאל ארייו רופין דעם יונגען מאן וואס האט איהם געגעבען איין פאטש. און מען האט תיכף אריין גערופין דעם יונגען מאן צום רבי'ן האט דער רבי איהם געזאגט צו דיר האב איך גיגעבען איין פאטש האט דער יונגער מאן געזאגט אז יאה. האט איהם דעם רבי גיענטפערט אז איין פאטש פאר איין פאטש. און דיין ווייב וועט געזינד ווערין. און האט איהם דער נאך גיגעבען איין ביסעל וויין פון דעם קידוש ער זאל טראגין זיין ווייב (די חולנית) און נאך דעם וואס זי האט געטרינקען דאס ביסיל וויין איז זי געזינד געוואהרען:

# אין דיזע מעשה ווערד ערציילט ווי מענטשין האבין נאך איהם געווינט נאך זיין פטירה:

נאך דעם ווי דער רבי פון צאנז איז נפטר געוואהרען איז געפאהרען ווינס א חסיד אויף דער באהן. אויף איין סטאציע. איז ארויף געקומען איין מענטש פון אונגארין. האט ער דער קענט דעם חסיד או ער האט איהם איינמאהל גיזעהן ביי דעם רב פון צאנז. האט ער איהם גיפרעגט וואס עס הערט זיך אין צאנז האט איהם דער חסיד דערציילט אז דער רבי איז שוין נפטר געוואהרען. און ווי דער מענטש האט דער הערט די שלעכטע בשורה האט ער אהן געהויבין זייער צו וויינען און צו שרייען. האבין איהם די מענטשין גיפרעגט וואס ער וויינט אזוי האט ער זיי גיענטפערט פאר וואס זאל איך נים וויינען, און האט זיי דער ציילט דיזע געשיכטע:

איך בין פון אונגארין און בין פון זייער אגרויסע משפחה. און ווען איך בין נאך גיוועזין איין בחור איז אויף מיר אויס געקומען אז איך ברויך צו גיין צו די זעלנער, און נאך איידער איך בין געגאנגען צו די זעלנער האב איך מיך משדך גיוועזין מיט זייער א גרויסען עושר פון אונגארין און איך האב חתונה געהאט מיט דעם גביר'ס טאכטער, און דער מחותן מיינע האט גיט געוויסט אז איך ברויך צו גיין

גיין צו די זעלנער וויל ער זאל וויסען וואלט ער זיך מיט מיר ניט משדך גיוועזין . אין נאך די חתונה איז צו מיר געקומען איין וויזאוואנע אז איך ברויך גיין צום מיליטער . אין איך האב מיך זייער גע־פריידט וואס די וויזאוואנע איז ניט אהן געקומען צו מיין שוועהר נאהר צו מיר זעלבסט . אין איך בין אזוי ארום געגאנגען מיט זייער גרויסע עגמת נפש עטליכע וואכען , אין האב ניט געוויסט מיר איין עצה צו געבען . האב איך מיך מיישב גיוועזין אין האב דער ציילט מיינע עגמת נפש צו מיינעם א פריינד ער זאל מיר געבען איין עצה וואס איך זאל טוהן . אין ער האט מיר גיגעבען א עצה איך זאל פאהרען קיין צאנז צום רבי'ן אין איך זאל איהם אללעס דער ציילין . אין אויך געוויס וועט ער דיר געבען איין עצה וואס די זאלסט טוהן . אין די עצה איז מיר זייער גיפעלין אין איך בין אהיים געגאנגען אין האב געזאגט מיין וויב אין אויך מיין שוועהר אז איך האב מיך פער בעטקט נאך מיינע עלטערין . אין זיי האבין מיר תיכף געגעבען ערלויבעניש אז איך זאל פאהרין אהיים צו מיינע עלטערין אויף עטליכע וואכין . אין איך בין תיכף געפאהרין קיין צאנז אין האב דעם רבי'ן דער ציילט מיינע עגמת נפש האט מיר דער רבי געזאגט אז לעבין די שטאדט צאנז איז פערהאנין א קליין שטעטיל . דאס הייסט ליבלויא אין דארט געפינט זיך היינט אסאך זעלנער וואלט גיוועזין מיין עצה אז די זאלסט דארט אהין פאהרען אין זיך צו שטעלין אויף א קאמיסיע אין דארט וועט מען דיך בעפרייען :

**האב** איך געזאגט צום רבי'ן רבי ! איך שפיער מיך געזינד אין פער וואס זאל מען מיך בעפרייען , האט מיר דער רבי גיענטפערט אז א נאכט דע פאהר איידער איך וועל גיין צו דער קאמיסיע וועט מיך אהן הייבין צו שווענדזין איין פיס אין איך וועל מיך קראצין אין מיין פיס וועט ווערין זייער א גרויס לאך אין אויף דעם וועלין זיי דיך בעפרייען . האב איך געזאגט דעם רבי'ן אז איך וויל ניט אז איך זאל בלייבין ביי איין פעהלער אויף די פיס . האט מיר דער רבי געזאגט אז אזוי ווי איך וועל נאהר בעפרייט ווערין זאל איך נעהמען א ביסיל וואסער אין צו לייגין צו די פיס וועל איך האבין תיכף איין רפואה :

**איך** האב מיך מיישב גיוועזין אין בין בעפאהרין קיין ליבלויא אין אזוי ווי איך בין אהן געקומען האב איך מיך גיפרעגט צו איך

וועל קענען שטיין אויף די קאמיסיע האבען זיי אויף מיר געלאכט בעוויל מיין ריגאמענט וואס איך האב מיך געברויכט צו שטעלין אויף קאמיסיע שטייט ניט אין ליבלויא נאהר איך האב פערשטאנען אז דעם רבינ'ס רייד איז ניט אומזיסט . בין איך געגאנגען צום הויפטמאן און האב איהם געזאגט אזוי ווי איך בין אינטער וועגינס איבער דעם וואלט איך געוואלט אז איך זאל שטיין ביי אייך אויף קאמיסיע . האט מיר דער הויפטמאן גיענטפערט האמשי דיין ריגאמענט איז ניט אין ליבלויא נאהר פון דעסטוועגען וועל איך דיר דיזע טובה טוהן און האט מיך ארייננעמען צעווישען די רוקראטען . אז איך זאל שטיין צו מארגינס אויף די קאמיסיע :

נאהר ביי נאכט אזוי ווי איך האב מיך געלייגט האט מיך דער פיס זייער אהן געהויבען צו סוועגדזין און פער גרויסע יסורים וואס איך האב געהאט האב איך מיר געקראצט דעם פיס . און צו מארגינס האב איך מיך אויף געהויבען האב איך גיזעהן ווי דער פיס איז מיר אין גאנצין געשוואלין . און אזוי ווי איך בין געקומען אויף דער קאמיסיע אין דער דאקטער האט דער זעהן ווי מיין פיס איז געשוואלין האט ער מיר געזאגט אז איך זאל פאהרין תיכף קיין ויען צו איין דאקטער בעוויל דער פיס איז זייער גיפערליך . און ער האט מיך תיכף בעפרייט . און נאך דעם האב איך גענימען איין ביסיל קאלט וואסער און האב מיר צו געלייגט צו דעם פיס האט זיך מיר תיכף דער פיס פערהיילט . און איך בין תיכף אהיים געפאהרין און זיי האבען ניט געוויסט וואס עס האט זיך מיט מיר פאסירט האט דער מענטש געזאגט איז אייך שוין ניט קיין וואונדער וואס איך האב אזוי געוויינט אויף דעם רבי'ן זיין זכות זאל אינז ביי שטיין אויף אייביג :

## נאך א וואונדערליכע מעשה פון הגאון הצדיק ר' חיים מצאנז זצ"ל:

איינמאהל איז געקומען קיין צאנז צום רבי'ן איין אשה און האט זייער געוויינט פאר דעם רבי'ן אזוי ווי איהר מאן איז

אוועק

אוועק פון איהר שוין עטליכע יאהר . און זי ווייסט ניט פון איהם ווי ער געפינט זיך . און איהרע קינדער וויינען וואס זיי ווילען עסין און זי קען זיי ניט געבין . האט דער רבי איהר גיענטפערט וואס קען איך דיר העלפין צו ווייס איך ווי דיין מאן איז די אשה האט בשום אופן ניט געוואלט אפ טרעטין . און האט געזאגט צום רבי'ן צו ווען זאל איך מיך ווענדין אז ניט צו אייך . האט דער רבי איהר גיענטפערט אז מיר וואלט גיפעלין אז איהר זאלט איהם זוכין אין אונגארין . און איהר זאלט פאהרין גלייך פון צאנז קיין באלאש וואס די שטאדט איז אין אונגארין און איך וועל אייך מיט געבין א בריף צו דעם רב פון דער שטאדט :

**דער** רבי האט תיכף אפ געשריבין צו דעם רב . און האט איהם געבעטין אזוי ווי די אשה וועט צו אייך קומין זאלט איהר זעהן אז דער מאן זאל איהר תיכף געבין א גט . און אזוי ווי די אשה איז געקומין צו דעם רב און זי האט איהם גענעבין דעם בריף האט ער זיך זייער פערווינדערט אויף דעם בריף . און האט געזאגט ווי אזוי קען איך איהר געבין איין גט . אז איך ווייס ניט ווי איהר מאן איז . און וואס קען איך איהר העלפין :

**נאהר** דער נאך האט זיך דער רבי מיישב גיוועזין אז אויף געוויס אז דער צאנזער רבי האט איהם געשריבין אז ער זאל זעהן אז דער מאן זאל איהר געבין איין גט . אויף געוויס האט ער גיזעהן מיט רוח הקודש אז איך ברויך צו זיין דער שליח . און דער רב האט געטרייסט די אשה און האט איהר געזאגט אז ווי ווייט מעגליך עס וועט נאהר זיין וועט ער זעהן אז דער מאן זאל איהר געבין איין גט און דער רב האט געזאגט זיין משמש אז ער זאל צו איהם רופין דעם שיסטער עס זאל איהם פעררעכטין די שטיוויל בעוויל ער האט גירעכינט אז אפשר וועט אויס קומין ער זאל ברויכין צו פאהרין וועגין דעם גט . ער זאל ניט האבין קיין עכוב :

**און** אזוי ווי דער שיסטער איז אריין געקומין האט איהם די אשה דער קענט אז דאס איז איהר מאן און האט געזאגט צו דעם רב אז דער שיסטער איז איהר מאן . און דער שיסטער האט בשום אופן ניט געוואלט מודה זיין ביז דער רב האט אויף איהם אהן גיהויבען צו שרייען אז ער זאל זיך מודה זיין . בעוויל ער דער קענט אז די אשה זאגט אמת און אויך דער רבי פון צאנז האט זי אהער געשיקט צו מיר

אז

אז איך זאל זעהן אז דער מאן זאל איהר געבין א גט. ביז דער שיסטער האט געמוזט זיך מודה זיין אין זי האט אויף איהם געזאגט פיהל סימנים אין די אללע סימנים האבין זיך אויס געוויזין אזוי ווי זאגט · אין נאך דעם האט ער איהר גיגעבין איין גט · אין אויך האט ער איהר גיגעבין א סוממע געלד · אללעס אזוי ווי ער רב האט געפסק׳ינט. פון דיזע מעשה זעהן מיר אז דער רבי פון צאנז האט געהאט רוח הקודש · זיין זכות זאל אינז ביי שטיין :

איינמאהל פריימיג פארנאכט איז געקומען צו לויפען איין אשה אין האט געזאגט רבי עס איז שוין שפעט אין איך האב נאך ניט אויף שבת · האט איהר דער רבי גיפרעגט איהר האט דאך צו פער קויפען עפיל · האט די אשה געזאגט מיינע עפיל טויגין ניט אין אויך זענין זיי זייער טייער איבער דעם קען איך זיי ניט לייזין אין זי איז געשטאנין מיט די עפיל לעבין דעם רביין · איז דער רבי תיכף ארויס געגאנגען צו די עפיל אין האט אויס געשריגען וועלכע מענטש וויל קויפין גוטע עפיל · אין תיכף האבין זיך פערזאמאלט פיהל מענטשין אין האבין אויס נעקויפט די עפיל · אין האט איהר צוריק געגעבין דאס געלד וואס ער האט בעלייזט · האט דער רבי צו איהר געזאגט דיינע עפיל זענין געוועזין זייער גוט נאהר דו האסט פון זיי ניט געוויסט · זי״ע ועל כל ישראל